ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חובות הלבבות

## עם פירוש מרפא לנפש

## שער הכניעה

## בלשון הקודש ואידיש

117

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תש"מ לפ"ק

שהוא בהפך הענין הזה בזריזותו והשתדלותו הטובה בעולמו וצונו לבחון בו וללמוד ממעשהו ואם הוא חלש שברמשים כאמרו (משלי ו) לך אל נמלה עצל וגו׳ תכין בקיץ לחמה וגו׳ ׳ והנה זכרנו לך מעט מהרבה ואל ירבה בעיניך ואל תקוץ בו כי כפי מעלות חשיבות המלאכות יהיו הפגעים הקורים אותם ׳ ומחקרנו בספר הזה אין מעלתו וחשיבותו נעלמת ממי שמבין׳ האלהים ישימנו מן השלמים עמו והעושים לשמו הגדול ברחמיו אמן :

נשלם השער החמישי ׳ בעזרת אלהי קדושי

# שער הכניעה

השער הששי בבאור אופני חיוב כניעתנו לאלהים יתברך וזה פתח השער

**אמר** המחבר מפני שקדם מאמרנו ליחד המעשים לאלהים לבדו והיתה הגאוה במעשים המיוחדים לאלהים משגת את בעליהם יותר מהרה מכל הפגעים

מרפא לנפש

חלק לא כבינה : והנה זכרנו וכו׳ ׳ ואל תקוץ בו ׳ ר״ל אל תקוץ בעבודת הש״י כי פן תאמר בלבבך אין אוכל לעמוד בכל אלה ולעמוד כנגד היצר ומכשוליו כמו שזכר ותשלוך ח״ו הכל אחר גויך אל ירך לבבך לא תירא ולא תחת כי ה׳ אלהיך הוא הולך לפניך להושיע ולעזור אותך כמ״ש צופה רשע לצדיק וגו׳ : כי כפי מעלות חשיבות המלאכות כו׳ ׳ כי דבר הנראה לעינים הוא שכל דבר היקר יותר בעולם יש לו דברים רבים המניעים והמפסידים אותו כמו שנזכר לעיל כי אין ענין כו׳ ע״ש וע״ז נאמר הזורעים בדמעה ברנה יקצורו ונאמר חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה׳ חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה׳ ׳ וה׳ יחזק לבבנו ולבב זרעו כדי שנעשה כל מעשינו לשמו הגדול ברחמיו אמן :

אמר המחבר מפני שקדם כו׳ והיתה הגאוה כו׳ ׳ כי אין לך דבר רע יותר נהגאוה שמפסיד ומקלקל את

קערט דער פון בזריזותו והשתדלותו הטובה בעולמו מיט זיין זריזות. אונ זיין פלייסונג צו טראכטין אויף דעם וואש איז אים צום בעסטן אויף זיין עולם וצונו אונ האט אונז גבאטן לבחון בו וללמוד ממעשהו איין ראיה צו נעמן זיך פון אים אונ אפ צו לערנן זיך פון זיינע מעשים ואם הוא חלש שברמשים אונ אפילו ווען ער איז דאש שלאפשטע פון די קריכענדיגע בשעפנש אזו וויא ער זאגט אין (משלי) לך אל נמלה עצל דו פוילער מענטש גייא צו דר מילב ווערשטו זעהן תכין בקיץ לחמה אז זיא גרייט זיך אן איר שפייז אום זומר כדי זיא זאל האבן ווינטר עפעש צו עסין והנה אונ נון זכרנו לך מעט מהרבה האבן מיר דער פון פיל זאכן ווייניג דר פון גישריבן כלומר וואש איך האב דא גשריבן איז גאר ווייניג עש איז דא זייער פיל זאכן וואש טוען שאדין צוא גאטש דינסט ואל ירבה בעיניך אונ לאז דאש ניט פיל אין דיינע אויגן זיין ואל תקוץ בו אונ זאלשט דריגן ניט פר מיאוסין כלומר דו זאלשט ניט זאגין וויא אזו וועל איך קאנן אזו פיל מקיים זיין אונ צו בשטיין אליך אנטקעגן דעם יצר הרע כי כפי מעלות חשיבות המלאכות ווארום דאש פר שטייט מען דאך וועדליג דאש חשובקייט וואש מעשים זיינן יהיו הפגעים הקורים אותם טוען זיין דיא פגעים וואש קאן זיך דר ביי טרעפן דרום זאלשטו ווישן אז ווען עש קאן אזו פיל שאדן קומן צו גאטש דינשט מן הסתם איז דאש דינשט זייער טייער גיהערשטו זיך שטארקן דער צוא מיט גאר דיין יכולת ומחקרנו בספר הזה אין מעלתו וחשיבותו נעלמת ממי שמבין אונ דער וואש איז פאר שטאנדיג פון דעם איז ניט פר הוילין די מעלות אונ די חשובע זאכן וואש מיר האבן גיפארשט אונ גיבראכט אין דעם ספר האלהים ישימנו מן השלמים עמו גאט זאל אונז געבן מיר זאלן קאנן גירעכנט ווערן פון דיא וואש זיינן גאנץ מיט אים והעושים לשמו הגדול אונ מיט די וואש טוען פון זיין גרושן נאמן ווענן אונ דאש זאל גאט טאן ברחמיו מיט זיין רחמנות אמן :

אמר המחבר האט גזאגט דער מחבר מפני שקדם מאמרינו ליחד המעשים לאלהים לבדו ווייל מיר האבן פריער גיזאגט אז מען גיהער צו טאן די מעשים טובים פון גאטש ווענן אליין והיתה

הגאוה

המשיגים אותם והיה הפסדה למעשים הרבה מאד ראיתי כי הנחוץ שבדברים שאני צריך להם הוא לסמוך לו מה שירחיקנה מן האדם והיא הכניעה ומפני שנתברר לנו עוד שהיא שורש העבדות ובזה יתכן להבדל העבד ממדת האדנות וההודאה לאלהים בהתיחדו בהם לבדו מבלעדי הברואים כמו שאמר דוד ע"ה (ד"ה א כט) לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד וגו' ואמר (תהלים פט) כי מי בשחק יערוך לה' ידמה לה' וגו'· ומטיבה עוד כי היא מרחקת מן האדם הגדולה והגאון והגובה והתפארת והשררה ורדות בכל (ס"א ושליט בדל) וחמוד מה שהוא גדול ממנו והדומה לזה מסעיפי הגאוה וראוי עתה שנבאר מדבר הכניעה עשרה דברים·האחד מה היא הכניעה·

מרפא לנפש

המעשים טובים שע"י הגאוה אין מעשיו לש"ש כמו שיתבאר ואמרו חז"ל שהמתגאה כאילו עובד עבודת כוכבים והרבה בזה כדלקמן:ומפני שנתברר לנו עוד כו'·ועוד אם האדם שפל רוח מאוד מאוד מרגיש בזה שהוא עבד והשם י"ת הוא האדון לבד וראוי לעבדו לבד בלא שום פניה אחרת ולכך ראוי לסמוך שער הכניעה שהוא הפך הגאוה ליחוד המעשים :

הגאוה במעשים המיוחדים לאלהים אונ אַז עֶשׂ אִיז אָבֶּר פַאר הַאנְדִין גַאֲוָה אִין דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואשׂ עֶר טוּט פוּן גָאטְשׂ וֶועגְן משגת את בעליהם חַאפְּט דָאשׂ זַייעֶרִי בְּעָלִים כְּלוֹמַר עֶשׂ שַׁאט דִי מֶענְטְשְׁן דִי גַאֲוָה יותר מהרה מכל הפגעים המשיגים אותם נָאךְ מֶער אונ גִיכֶר פוּן אַלֶע בַּגֶעגְנֶעשׂ וָואשׂ גֶרַייכְן זַייא כְּלוֹמַר דִי גַאֲוָה שַׁאט עֶרְגֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת והיה הפסדה למעשים הרבה מאוד אונ זִיא טוּט זֵייעֶר פִיל שַׁאדִין צוּ דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים וָוארוּם דוּרְךְ דֶער גַאֲוָה קָאן מֶען נִיט טָאן קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן גָאטְשׂ וֶועגְן אַלֵיין אונ פוּן אִיר קָאן מֶען קוּמֶן צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת ראיתי דְרוּם אִיז מִיר גְפֶעלִין כי הנחוץ שבדברים אַז דָאשׂ נֵייטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכִין אִיז שאני צריך להם וָואשׂ אִיךְ בַּדַארְף בַּשֵׁיידִן דָר צוּ הוא אִיז דָאשׂ לסמוך לו אַז אִיךְ זָאל דֶער בַּייא שְׁטֶעלִין כְּלוֹמַר לֶעבִּין דֶעם שַׁעַר וָואשׂ הָאט גְשְׁמוּעֶסְט סֶען זָאל מְיַיחֵד זַיין דִי מַעֲשִׂים פוּן גָאטְשׂ וֶועגְן בַּדַארְף אִיךְ דָר בַּייא שְׁטֶעלְן מה שירחיקנה מן האדם אַזוֹ אַזַאךְ וָואשׂ זָאל דֶער וַוייטָרְן דִי גַאֲוָה והיא הכניעה אונ דָאשׂ אִיז דָאשׂ אוּנְטָר טֶענִיקַייט כְּלוֹמַר אַמֶענְטְשׁ זָאל זַיין אוּנְטֶער טֶענִיג אַנְטְקֶעגִין אִיטְלִיכְן ומפני שנתברר לנו עוד אונ נָאךְ אַטַעם אִיז פַאר וָואשׂ אִיךְ שְׁטֶעל דֶעם שַׁעַר הַכְּנִיעָה בַּייא דֶעם שַׁעַר יִחוּד הַמַּעֲשֶׂה וַוייל עֶשׂ אִיז אוּנְז נָאךְ מֶער אוֹישׂ גְקְלֶערְט גְוָוארִין שהוא שורש העבדות אַז דִי כְּנִיעָה אִיז דֶר שׁוֹרֶשׁ פוּן גָאטְ דִינֶן ובזה יתכן להבדל העבד ממדת האדנות אונ דוּרְךְ דֶר מִדָּה פוּן כְּנִיעָה קָאן מֶען צְוִוישְׁן שֵׁיידִין דֶעם קְנֶעכְט פוּן דֶעם הֶערְשַׁאפְט כְּלוֹמַר דוּרְךְ דֶער כְּנִיעָה וַוייסְט מֶען וֶוער עֶשׂ אִיז אַקְנֶעכְט אונ וֶוער עֶשׂ אִיז אַהַאר וההודאה לאלהים אונ מֶען מוּז לוֹיבִּין גָאט מִיט דֶר מִדָּה פוּן הֶערְשַׁאפְט בהתיחדו בהם לבדו אַז צוּ אִים אַלֵיין קוּמְט דָאשׂ הֶערְשַׁאפְט מבלעדי הברואים אונ נִיט צוּ דִי בַּשֶׁעפֶּנֶשׂ אַזוֹ וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְיזָאגְט לך ה' הגדולה והגבורה צוּ דִיר גָאט אַלֵיין קוּמְט דָאשׂ אַכְפְּרַקַייט אונ דָאשׂ שְׁטַארְקַייט והתפארת והנצח וההוד אונ דָאשׂ שֵׁיינְקַייט אונ דֶר נִצָּחוֹן אונ דָאשׂ לוֹיבּוּנְג׳ אונ נָאךְ הָאט עֶר גְיזָאגְט אִין (תהלים) כי מי בשחק יערוך לה' ידמה לה' וכו' דֶען וֶוער אִיז דֶען דָא אִין הִימְל סֶען זָאל אִים אַנְטְקֶעגְן גָאט שַׁאצְן אָדֶער גְלַייכְן אִים צוּ גָאט ומטיבה עוד אונ נָאךְ אִיז פוּן אִיר עֵסֶק כְּלוֹמַר פוּן דֶעם אוּנְטֶער טֶענִיקַייט כי היא מרחקת מן האדם דָאשׂ זִיא דֶער וַוייטָרְט פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁן הגדולה פוּן צוּא בַּגֶערִין גְרוֹישׂ חֲשִׁיבוּת והגאון והגובה אונ הָאפֶּרַקַייט אונ הוֹיכְקַייט והתפארת אונ בַּארִימוּנְג והשררה אונ צוּא הֶערְשְׁן ורדות׃ בכל אונ פוּן צוּ גְיוָועלְטִיגְן אִיבֶּר אִיטְלִיכְן וחמוד מה שהוא גדול ממנו אונ פוּן צוּא גְלוּשְׁטְן צוּ אַזֶעלְכְן וָואשׂ אִיז פַאר אִים צוּא גְרוֹישׂ והדומה לזה מסעיפי הגאוה אונ נָאךְ אַזֶעלְכֶע גְלַייכְנֶשׂ פוּן דִי צְוַוייגְן פוּן גַאֲוָה דֶר וַוייטֶרְט אַלְץ דָאשׂ אוּנְטֶער טֶענִיקַייט וראוי עתה שנבאר מדבר הכניעה אונ מִיר בַּדַארְפְן אִיצוּנְד בַּשֵׁיידִן פוּן דֶער זַאךְ פוּן אוּנְטֶר טֶענִיקַייט עשרה דברים צֶעהֶן

זאכין

והשני לכמה חלקים תחלק · והשלישי במה תהיה הכניעה · והרביעי באיזה ענין צריך
להתנהג בה · והחמישי איך אופני קנותה · והששי בתוכן המנהג שצריך להתנהג בו
הנכנע · והשביעי מתי תתכן הכניעה מן הנכנע ומתי לא תתכן · והשמיני שנבאר אם
הכניעה סמיכה למדות הטובות או המדות הטובות סמוכות לה (ס"א אם הכניעה תלוי
במדות או המדות תלויות בה)· והתשיעי אם יתכן להתקבץ בלב האדם הגאוה והכניעה
אם לא·והעשירי ביאור תועלת הכניעה בעניני העולם הזה והעולם הבא :

פרק א **אבל** הכניעה היא שפלות הנפש ושחותה ומעוט ערכה אצלה והיא מדה ממדות
הנפש וכאשר תתישב בה יראו אותותיה על האברים מהם הלשון הרכה
והקול הנמוך והענוה בעת הכעס ומעוט הנקמה אחר היכולת עליה כאשר נאמר על

מרפא לנפש

ומטיבה עוד · ל' כתיב גיטין וקדושין : כי היא מרחקת
כו' · לפי' כנגד ב"ל הכ"נ : וחמור מה שהוא גדול · על
ידי הכניעה אינו חומד מה שהוא הטוב ויקר ממנו כי הוא
נקלה ונבזה בעיניו ואינו ראוי לדברים שהם יקרים ממנו:
והשמיני · ע' ברים פ"ח פירושו :
ושחותה · לשון כריעה ושפלות כמו שחה לעפר נפשנו :

זאבן האחד איינש איז מה היא הכניעה וואש איז דאש אונטער טעניקייט והשני לכמה חלקים
תחלק אונ דאש אנדרע איז אויף וויפיל חלקים זיא ווערט גיטיילט והשלישי במה תהיה הכניעה
אונ דאש דריטע איז וויא דורך דעם קאן זיין דאש אונטער טעניקייט והרביעי באיזה ענין צריך
להתנהג בה אונ דאש פערטע איז וויא מען מוז זיך נוהג זיין מיט דר הכניעה והחמישי איך אופני
קנותה אונ דאש פינפטע איז וויא מען קאן דר צו קומן והששי אונ דאש זעקסטע איז בתוכן המנהג
שצריך להתנהג בו הנכנע פון דעם רעכטן מנהג וויא דער נכנע בדארף זיך נוהג זיין והשביעי אונ
דאש זיבטע איז מתי תתכן הכניעה מן הנכנע ווען עש איז רעכט אז מען זאל זיך מכניע זיין ומתי
לא יתכן אונ ווען עש איז ניט רעכט והשמיני אונ דאש אכטע איז שנבאר עם הכניעה סמוכה למדות
טובות מיר וועלן בשיידן אויב דאש אונטר טעניקייט גיהער אונ איז נאהינט צו דיא גוטע מדות
כלומר דיא גוטע מדות זיינען דער עיקר אונ דיא כניעה איז אטפל או המדות הטובות סמוכה לה
אדר אויב דיא גוטע מדות גהערין צוא איר כלומר אדר אויב דיא כניעה איז דער עיקר אונ אן
איר קאן ניט זיין קיין גוטע מדה והתשיעי אונ דאש נייטע איז אם יתכן להתקבץ בלב האדם אויב
עש קאן זיך אין איין מענטשינס הארץ איין זאמלן אין איינם הגאוה והכניעה די גאוה אונ דיא
כניעה אם לא אונ אויב ניין והעשירי ביאור תועלת הכניעה אונ דאש צעהנטע ווערט בשייד ווערין
וואש דיא כניעה קאן העלפין בעניני העוה"ז והעוה"ב אין דיא זאכין פון דער וועלט אונ פון
יענער וועלט :

אבל הכניעה היא אבר דאש אונטער טעניקייט איז שפלות הנפש דאש נידעריקייט פון דעם
מענטשין ושחותה אונ איר איין גיבויגינקייט כלומר דר מענטש זאל זיך האלטן נידריג אונ
קליין ומעוט ערכה אצלה אונ איר שאצונג זאל ביי זיך אליין ווייניג זיין כלומר אמענטש זאל זיך
שאצן גאר פר ווייניג דהיינו אז ער האט גאר ווייניג מעשים טובים גטאן והוא מדה ממדות הנפש
אונ דאש איז איין מדה וואש זיא גיהער צום נפש כלומר וואש דר נפש בדארף דיא מדה אין
זיך האבן וכאשר תתישב בה אונ אז ער ווערט שוין די מדה אין זיין מחשבה האבן אונ ווערט זיך
גוויינען דער מיט יראו אותותיה על האברים וועלן דיא צייכין דער פון ארויש גיזעהען ווערין אויף
די אברים ומהם פון דיא סימנים איז הלשון הרכה ער ווערט האבין ווייכע רייד והקול הנמוך אונ
איין נידריג קול והענוה בעת הכעס אונ בשעת אז ער ווערט זיין אין כעס ווערט ער זיין איין עניו
כלומר ער ווערט דעם כעס ניט ארויש ווייזן ומעוט הנקמה אונ ווערט האבן אין זיך ווייניג נקמה כלומר
ער ווערט זיך ניט בגערן נוקם זיין אין זיין חבר אחר היכולת עליה ווען ער ווערט שוין אפילו האבן

יכולת

אחד מהמלכים שאמר למי שנתחייב אצלו לאחר שהביאו השוט חי ה׳ לולי חזקת כעסי עליך הייתי נוקם ממך נקמה גדולה ומחל לו: ואמרו עליו שהיה אומר איני יודע עון שהוא שוקל יותר מעונותי (ס״א מענותי):

פרק ב **אבל** ביאור חלקי הכניעה הוא שהכניעה תחלק לשלשה חלקים אחד מהם כולל את האדם ורבים ממיני בעלי חיים שאינם מדברים והוא דלות הנפש וסבלה ההיזק אשר היתה יכולה לדחותו מפני סכלותה באופני דחייתו וזה יהיה מן הכסילים שבבני אדם ועמי הארץ מפני מיעוט ידיעתם וחלישת הכרתם את נפשותם וערכיהם וזה נקרא כניעה מדרך ההסכמה אבל על דרך האמת הוא דלות (ס״א דוות)

מרפא

[ממדות הנפש׳ כי היא נשמת אלוה ממעל ובמקום גדולתו ענותנותו ׳ מגלה]: לולי חזקת כעסי ׳ ר״ל אלמלי לא הייתי בכעס חזק היה ראוי לעשות בך נקמה גדולה מפני מעלך רק שאין אני רוצה ליתן מקום לכעס שהוא מדה מגונה ובחיק כסילים ינוח ובהפך ארגיל עצמי במדת הכניעה שהיא מעוט הנקמה אחר היכולת והכעס הוא תולדה מהגאוה כי מחמת הגאוה אם אינם עושין רצונו הוא מתכעס

לנפש

במהרה כמ״ש בשער הקדושה: איני יודע עון שהוא שוקל יותר מכל שאר עונותי ׳ יותר מהכעס והגאוה והנקמה שכולם מתכונה אחת רעה יוצאין כמו שכתוב בספר ש״ק ולכך אמרו חכמינו ז״ל בכל אחד מהן שהוא כעובד כוכבים והרחיקו בגנותן הרבה:

וזה נקרא כניעה מדרך ההסכמה ׳ שהוא שם מוסכם לקרא לכל מי שהוא במדת הכניעה בשם נכנע אבל

יכולת נוקם זיך צו זיין וועט ער זיך פארט ניט נוקם זיין כאשר נאמר על אחד מהמלכים גלייך וויא עש איז גיזאגט גיווארין פון איינעם פון די מלכים שאמר למי שנתחייב אצלו וואש דער מלך האט גזאגט צו דעם וואש האט קעגין אים פאר שולדיגט לאחר שהביאו השוט נאך דעם אז מען האט אים שוין גבראכט די רוט דעם זעלביגין צו שטראפן דר מיט האט דער מלך צוא אים גזאגט לולי חזקת כעסי עליך ווען עש וואלט ניט גוועהן וואש איך בין זייער שטארק צארינדיג הייתי נוקם ממך נקמה גדולה וואלט איך מיך אין דיר נוקם גוועהן אגרושע נקמה נאר איך וויל ניט נאך געבן מיין כעס כדי איך זאל מיך ניט גוויינן צוא האבין אזו אשלעכטע מדה פון כעס ומחל לו אונ דער מלך האט אים זיין זינד מוחל גוועהן ואמרו עליו אונ נאך האבן זיי אויף דעם מלך גיזאגט שהיה אומר ער פלעגט זאגן איני יודע עון שהוא שוקל יותר מעוונותי איך ווייש ניט קיין עבירה פון מיינע עבירות זאל מער וועגן איידר די עבירה פון כעס כלומר פון אלע מיינע עבירות איז ניט פאר האנדין קיין גרעשערע עבירה פון די עבירות פון כעס אונ נקמה אונ גאוה (מ״ח) אדער אזוא איז דער פשט איני יודע עון שהוא שוקל יותר איך ווייש ניט קיין שום עבירה זאל מער וועגין מעונותי פון מיינע עבירות נאר מיינע עבירות וועגין איבער אלע עבירות:

אבל ביאור חלקי הכניעה אבר דאש בשיידענעש פון דיא חלקים פון דער כניעה תחלק לשלשה חלקים ווערט עש גטיילט אויף דרייא חלקים אחד מהם איין חלק פון דיא דרייא כולל את האדם איז כולל דעם מענטשין ורבים ממיני בעלי חיים שאינם מדברים אונ פיל פון אלערלייא בשעפעניש וואש זיי קענן ניט ריידן והוא דלות הנפש אונ דאש איז דאש ארעמקייט פון דעם לייב פון פר שטאנד וסבלה ההיזק אשר היתה יכולה לדחותה אונ זיא ליידט דעם שאדין וואש זיא האט גיקאנט פאר טרייבין אונ אוועק שטוסין פון זיך נאר דרום מוז זיא עש ליידן מפני סכלותה באופני דחייתו ווייל זיא איז נארעש אונ ווייש ניט וויא אזוא עש צוא פאר טרייבין וזה יהיה מן הכסילים שבבני אדם אונ דאש גישיכט ביי די נארעשע מענטשין מפני מיעוט ידיעתם פון וועגן זייער ווייניג ווישן שאפט וחלישת הכרתם את נפשותם אונ דאש שלאפקייט פון זיך זעלבשט צו קאנען כלומר זייא קאנען זיך זעלבשט ניט וערכיהם אונ זייער שאצונג כלומר דאש נפש פו אמענטשין איז דאך דער שאצונג דער פון זייער גרוישט אונ זייא פאר שטייען עש אבער ניט וזה נקרא כניעה מדרך ההסכמה אונ דאש ווערט גירופן אונטר טעניקייט ווייל מען איז דאש אזו

גוואנט

הנפש ועורונה בסכלות הגובר עליה מראות מה שיש בו תקנתה כמו שאמר (איוב יז) כי לבם צפנת משכל על כן לא תרומם אבל הכניעה היא אשר תהיה אחר רוממות הנפש והתנשא מהשתתף עם הבהמות במדותם המגונות וגבהותה מלהדמות במדות פחותי בני אדם ביתרון חכמה ויקרת נפשו וידיעה ברורה במדות הטובות והמגונות וכאשר יהיה סמוך לזה כניעת הנפש ושפלותה אז תהיה מדה משובחת אבל זולת זה איננה נכנסת במדות המשובחות ומעלות הנפש אך בסגונות שבהן כי ענינה בזה כענין הבהמות · והחלק השני הכניעה לבני אדם אם מפני משלם בו כמו האסור ביד אויבו ועבד ביד אדוניו או לחסרונו להם וגודל צרכו למה שיש אצלם כשכיר לשוכרו והרש

## מרפא לנפש

באמת אין זה שמו האמתי כי הוא סכלות ודלות הנפש וכו׳ והכניעה האמתית היא אשר כו׳ : או לחסרונו להם · ר״ל

גיוואנט צוא ריידן כלומר ווייל דער עולם איז גיוואנט גיווארין צוא זאגין אויף איטליכין וואש ער איז אונטער טעניג דעם נאמען פון כניעה אבל דרך האמת היא דלות הנפש אבער צום אמת איז עש ניט קיין כניעה נאר דאש איז דער נפש איז ארום אין פאר שטאנד ועורונה בסכלות הגובר עליה אונ זיא איז בלינד דורך דעם אום פאר שטאנדיקייט וואש האט זיך גישטארקט אויף איר מראות מה שיש בו תקנתה פון צו זעהן וואש צו איר גוט איז אזו ווי איוב האט גיזאגט כי לבם צפנת משכל ווייל זייער הארץ איז פאר בארגין פון שכל על כן לא תרומם דרום ווערט זיא ניט דער הויבין אבל הכניעה אבער די רעכטע כניעה איז אשר תהיה אחר רוממות הנפש נאך דעם אז דאש נפש האט זיך דר הויבן והתנשא מהשתתף עם הבהמות אונ זי האלט זיך חשוב אונ וואלט ניט גערין גלייך זיין אז די בהמות במדותם המגונות מיט זייערע שלעכטע מדות וגבהותה אונ האלט זיך הוך מהדמות כמדות פחותי בני אדם פון גלייך צוא זיין מיט דיא מדות פון שלעכטע מענטשין ביתרון חכמה פון וועגין איר פיל חכמה ויקרת נפשו אונ דאש טייערקייט פון דעם נפש וידיעה ברורה במדות הטובות והמגונות אונ זיא ווייש אקלאר ווישן שאפט ווערכע גוטע מדות אדר שלעכטע זיינען וכאשר יהיה סמוך לזה אונ אז צו דעם מענטשין איז נאהענט כניעת הנפש ושפלותה דאש אונטער טעניקייט אונ דאש נדעריקייט פון דעם נפש כלומר אז דר מענטש איז איין נכנע אז תהיה מדה משובחת דערנאך איז דאש איין גוטע מדה אבל זולת זה אבער אז ער איז ניט אזו א מענטש וויא מיר האבין דא גיזאגט נאר ער איז אזו אנכנע וויא צום ערשטין איז גישטאנען איננו נכנס במדות המשובחות קען עש ניט גירעכינט ווערין צווישין דיא גוטע מדות ומעלות הנפש אונ צווישן די מעלות פון דעם נפש אך במגונות שבהן נאר צווישין זייערע שרעכטע מעלות אונ מדות כי עניגה בזה ווארום איר ענין איז אין דעם כלומר אז דער מענטש איז דריבער אנכנע ווייל ער האט קיין שכל ניט אזו וויא אויבין באיז גישטאנען איז ער גלייך כענין הבהמות אזו וויא די בהמות ווארום א בהמה איז אויך אונטער טעניג ווייל זיא האט ניט קיין פאר שטאנד והחלק השני אונ דאש אנדערער חלק איז הכניעה לבני אדם וואש מען איז זיך מכניע צוא מענטשין אם מפני משלם בו אדער ווייל זייא אגיוועלטיגין איבר אים כמו האסור ביד אויבו אזו וויא איינער איז גיפאנגען אין דער האנט פון זיין פיינד מוז ער זיך צוא אים מכניע זיין והעבד ביד אדוניו אדער אקנעכט וואש ער איז דאך אין דער מאכט פון זיין הארין מוז ער זיך אויך מכניע זיין צו אים או לחסרונו להם אדער ווייל זיין חסרון בריינגט אים ער זאל אנכנע זיין צו זייא כלומר ווייל ער נעמט בייא זייא געלט אדר אנדערע זאכין וגודל צרכו למה שיש אצלם אונ בדארף זייער נייטיג צו זייא כשכיר לשוכרו דהיינו וויא אגידונגענער בדארף האבין צוא זיין בעל הבית וואש האט אים גידונגען והרש אדר איין ארום מאן בדארף

להענקת העשיר והתלמיד לרבו או לחוב ראוי שאין האדם יוכל לפרעו והוא חייב להכנע ולהשפיל לפניו לבעליו כמ"ש (משלי כב) ועבד לוה לאיש מלוה או לדעתו שהוא מקצר בעניני מוסרי העוה"ז והעוה"ב וסכלותו בדרך הישרה· וכאשר תמצא יד נביא דורו או מורה צדק או קורא אל הדרך הטובה יכנע לו וישפל לפניו כמו שאמרו רז"ל גדולה שמושה יותר מלמודה שנאמר (מלכים ב ג) אלישע בן שפט אשר יצק מים על ידי אליהו אשר למד לא נאמר אלא אשר יצק מלמד שגדולה שמושה יותר מלמודה ואמר (שמות לג) ומשרתו יהושע בן נון נער וגו' ואמר החכם על כלל עם הארץ ועבד לוה לאיש מלוה והחלק הזה מחלקי הכניעה ואם הוא ראוי איננו תדיר מפני שאינו כולל את כל המדברים

### מרפא לנפש

מה שנחסר לו הוא אצלם ובידם להעניק לו : לדעתו שהוא מקצר כו' וסכלותו בדרך הישרה·פי' מ"ש לפי שהוא יודע שהוא סכל ואינו יודע להשיג הדרך הישרה כי אם מפי רבו או נביא מורה צדק ע"כ הוא מוכרח להכנע לפניו ע"כ ולשמש אותן כדי שילמוד מהן מנהגיהם סיפרים ותלמודו יתקיים בידו : והחלק הזה כו' ואם הוא ראוי · ואע"פ שראוי ונכון להכנע למי שהוא צריך אליו בכל אופנים שזכר איננו תדיר כו' :

נייטיג להענקת העשיר אז דר עושר זאל אים עפעס שיינקען אדר אתלמיד בדארף האבין נייטיג צו זיין רבי מוז ער אים זיין, אונטער טעניג או לחוב ראוי אדער ווען איינער איז דעם אנדערין שולדיג אחוב וואש איז ראוי אן צוא רופין בשם חוב שאין האדם יוכל לפרוע וואש דער טענטש כלומר דער לוה האט אים ניט צו צאלין דעם חוב והוא חייב להכנע איז ער חייב אונטר טעניג צו זיין דם מלוה ולהשפיל לפניו כו' אונ זאל פר אים נידריג זיין או לדעתו שהוא מקצר אדר ווייל ער ווייס אז ער קירצט בעניני מוסרי העוה"ז והעוה"ב אין דיא ענינים פון מוסר העוה"ז אונ העוה"ב כלומר ווייל ער ווייס ער טוט ניט גנוג מעשים טובים וואש זייא קומען אים צוא ניץ אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט וסכלותו בדרך הישרה אונ ווייל ער איז נארעש אין רעכט פארטיגין וועג כלומר ער פאר שטייט ניט דעם רעכטין וועג וויא ארום גאט צוא דינן וכאשר תמצא יד נביא דורו אונ ווען עש טרעפט זיך אים איין נביא אין זיין דור או מורה צדק אדער ארב וואש ער ווייזט אויף דעם רעכטין וועג או קורא אל הדרך הטובה אדר איינר וואש ער רופט לייט כלומר ער שטראפט לייטין זייא זאלין גיין אין דעם גוטין וועג יכנע לו וישפיל לפניו זאל ער זיך פאר אים מכניע זיין אונ זיך נידעריג האלטין פאר אים אזו וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה דער וואש בדינט תלמידי חכמים איז דאש גרעשר אז דאש לערנען שנאמר ווארום עש שטייט אין (מלכים) אלישע בן שפט אשר יצק מים ע"י אליהו אלישע דער זון פון שפט וואש ער האט גיגאסין וואשר אויף דיא הענט פון אליהו אשר למד לא נאמר וואש ער האט גילערנט ביי אליהו שטייט ניט אין פסוק אלא אשר יצק נאר וואש ער האט גיגאסין וואשר אויף זיינע הענט מלמד שגדולה שמושה של תורה יותר מלמודה איז גידרונגן אז דאש באדינונג פון דער תורה וואש איינר בדינט תלמידי חכמים איז גרעסר פון לערנען ווארום דורך דעם באדינן זעהט ער פון די ת"ח גוטע מדות קאן ער זיך אויך פון זיי אפ לערנן אונ אין דר תורה שטייט ומשרתו יהושע בן נון אונ זיין באדינער יהושע בן נון האט זיך ניט אפ גטאן פון דעם גיצעלט. פון משה לויבט אים אויך דיא תורה מיט דעם וואש ער האט באדינט משה רבינו ואמר החכם על כלל עם הארץ אונ דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אויך דעם כלל פון דיא לייט וואש איינר בדארף צום אנדערין ועבד לוה לאיש מלוה דער לוה איז אקנעכט צום מלוה, ווייל ער בדארף צוא אים מוז ער אים זיין אנכנע גלייך וויא ער איז אקנעכט ביי אים אזוא אויך אין אלע זאכין וואש איינר בדארף צום אנדרין מוז ער זיך צוא אים מכניע זיין והחלק הזה מחלק הכניעה אונ דער חלק פון כניעה ואם הוא ראוי חאטשי עש איז

שוין

ולא ראוי בכל זמן ובכל מקום כי האסור כשיצא ממאסרו והעבד כשיפדה את עצמו והלוה כשיפרע את חובו והתלמיד כשאיננו עם רבו והרש כשאיננו עם עשיר (ס"א והרש כשיעשיר) אינם חייבין להכנע להם ולהשפל ולשוח לפניהם · והחלק השלישי הכניעה לבורא יתברך וחובתו כוללת כל המדברים והם חייבין אליו בכל זמן ובכל מקום ואליו היתה כונתינו בשער הזה · הנכנע הוא הנקרא בספרי הקדש עניו ונבזה בעיניו וצנוע ודכא ושפל רוח ורוח נשברה ונדכה ורך לבב ונכה רוח ולב נשבר ונפש שחה ומה שנדבר בכניעה סתם אין כונתנו אלא החלק השלישי הזה אשר היא המדרגה העליונה שבכניעה ומי שעלתה בידו אין רחוק ממנו דרך קרבת אלהים ולעמוד לפניו ויהיה מקובל ורצוי אצל הבורא כמו שכתוב (תהלים נא) זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה וגו' :

שוין רעכט כלומר האמשע מען גיהער זיך מכניע צוא זיין צוא דעם וואש מען בדארף איננו תדיר איז דאש אבער ניט תמיד מפני שאינו כולל את כל המדברים ווייל עש איז ניט כולל אלע מענטשין כלומר עש גייט מער ניט אן נאר בייא דעם וואש ער בדארף צום אנדערין אבר עש גייט ניט אן בייא די איבריגע מענטשין וואש בדארפין ניט איינער צום אנדרין ולא ראוי בכל זמן ובכל מקום אונ אויך שיקט זיך עש ניט אין אלע צייט אונ אלע ערטער כי האסור כשיצא ממאסרו ווארום דער גיפאנגענער אז ער גייט שוין ארויש פון זיין תפיסה והעבד כשיפדה את עצמו אונ אז דר קנעכט לייזט זיך אויש פון זיין הארין והלוה כשיפרע את חובו אונ אז דר לוה בצאלט זיין חוב והתלמיד כשאיננו עם רבו אונ אז דער תלמיד איז ניט מיט זיין רבי אין איינם והרש כשאינו עם עשיר אונ אז דער ארום מאן איז ניט אין איינעם מיט דעם עושר אינם חייבין להכנע להם ולהשפל זיינען זיי ניט חייב זיך מכניע צו זיין אונ זיך נידעריג צו האלטין ולשוח אונ צו זיין איין גיבויגן לפניהם פאר זיי דרום איז די כניעה ניט תמיד והחלק השלישי אונ דאש דריטע חלק פון כניעה איז הכניעה לבורא יתברך מען זאל זיך מכניע זיין פאר דעם בשעפער יתברך וחובתו כוללת כל המדברים אונ זיין חיוב איז שוין יוא כולל אלע מענטשין כלומר צו אים זיינען זיך חייב מכניע צו זיין אלע מענטשין והם חייבין אליו בכל זמן ובכל מקום אונ זיי זיינען חייב מכניע זיך זיין פאר אים אין אלע צייט אונ אין אלע ערטר ואליו היתה כונתנו בשער הזה אונ צוא דר כניעה וואש מען בדארף זיין צום בשעפר איז אונזר כוונה גיוועזן צוא שרייבין אין דעם דאזיגן שער והנכנע אונ דר וואש האלט זיך אונטער טעניג הוא הנקרא בספרי הקודש דער ווערט אן גירופין אין דיא הייליגע ספרים דיא אלע נעמן עניו דער וואש האלט זיך בייא זיך ארום ונבזה בעיניו אונ דר וואש איז בייא זיך זעלבשט מבוזה וצנוע אונ דר וואש האלט זיך בצניעות ודכא אונ איין פר שטויסענער ושפל רוח אונ נידריג פון גימיט ורוח נשברה אונ איין צוא בראכין גימיט ונדכה אונ איין שלאפער ורך לבב אונ וייך הערציג ונכה רוח אונ שוואך גמיט ולב נשבר אונ איין צוא בראכין הארץ ונפש שחה אונ איין גיבויגין לייב ומה שנדבר בכניעה סתם אונ וואש מיר וועלין דא ריידין אין דעם שער פון סתם אונטער טעניג אין כונתינו אלא החלק השלישי איז אונזר כוונה נאר אויף דער כניעה פון דעם דריטן חלק וואש מען זאל זיך מכניע זיין פאר גאט ב"ה אשר היא המדרגה העליונה בכניעה וואש דיא כניעה איז דיא העכשטע מעלה פון אלע אונטער טעניקייט ומי שעלתה בידו אונ דר וואש האט זוכה גיוועזן צו דער כניעה אין רחוק ממנו דרך קרבת אלהים איז פון אים ניט ווייט דער וועג וויא ארום מען קאן זיך גינעהנען צוא גאט ולעמוד לפניו אונ פאר אים צוא שטיין ויהיה מקובל ורצוי אצל הבורא אונ ער ווערט נתקבל אונ מרוצה זיין בייא דעם בשעפר אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) זבחי אלהים דאש שעכטונג וואש מען זאל שעכטין פאר גאט רוח נשברה איז איין צוא בראכין גימיט לב נשבר ונדכה איין צוא בראכין אונ פאר שטוסן הארץ אלהים לא תבזה טוט גאט ניט פאר שעמען :

פרק ג **אבל** הסיבות אשר תהיה הכניעה והשפלות בעבורם מן האדם אחר גאותו עשרי׳ אחת כשיחלש כחו מתנועתו הטבעית מפני חלאים או מזג רע או חלישות הרכבתו ויכנע בעבור זה ויתחנן אל האלהים ולבני אדם כמו שאמר (שם קז) ויכנע בעמל לבם וגו׳ · והשנית כשימצאהו פגע או ריש ויצטרך לב"א אחר שלא היה צריך להם ויכנע להם ותשבר רוחו מהתגאות בענינו כמ"ש (שמואל א ב) והיה כל הנותר בביתך יבא להשתחוות לו וגו׳· והשלישית כשתהיה עליו לזולתו טובה עודפת ויראה חסדו עליו ויכנע לו כמו שאמר (משלי יט) רבים יחלו פני נדיב וגו׳ · והרביעית מי שנתחייב לחברו דבר ואינו יכול לפורעו ויכנע לו כמ"ש (שם כב) אם אין לך לשלם וגו׳ · והחמישית מי שהוא במאסר אויבו ויכנע לו ותשוח נפשו כמ"ש (תהלים קה) ענו בכבל רגלו וגו׳ ואמר (איוב לו) ואם אסורים בזקים · והששית העבד שאינו יכול לפדות עצמו מיד אדוניו ויכנע לו

מרפא לנפש

יבא להשתחוות לו לאגורת כסף · מעה כסף וככר לחם: מלת עליו מוסב על עודפת ר"ל שיש לחבירו עודף עליו והשלישית כשתהיה עליו לזולתו טובה עודפת· ותכירו מרלה חסדו עליו : ואם אסורים בזיקים · ילכדון

אבל הסיבות אשר תהיה הכניעה והשפלות בעבורם אבער דיא סיבות וואש דורך זייא קומט אז דער מענטש זאל זיך האלטין אונטער טעניג אונ נידעריג אחר גאותו נאך זיין גאוה כלומר האטשע ער איז פריער געוועזן איין בעל גאוה פון דעשט וועגין דורך די סיבות זאל ער ווערן אונטר טעניג עשר דיא סיבות זיינען צעהן האחת דיא איינע איז כשיחלש כחו אז זיין כח ווערט שלאף מתנועתו הטבעית פון זיין נאטירליכע תנועות מפני חלאים מחמת קראנקייט או חלישות הרכבתו אדער זיין פאר קניפונג פון די גלידער זיינען פון זיין גיבוירן אן שלאף ויכנע בעבור זה ווערט ער דורך דעם אונטער טעניג ויתחנן אל אלהים ולבני אדם אונ טוט בעטן צוא גאט אונ צו די לייט אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) ויכנע בעמל לבם אונ עש איז אונטר טעניג גיווארן זייער הארץ דורך דעם מידיקייט והשנית אונ דאש אנדערע איז כשימצאהו אז עש וועט אים גרייכין פגע או ריש איין אום גליק אדר ארומקייט ויצטרך לבני אדם אונ דורך דעם וועט ער בדארפן צו מענטשן אחר שלא היה צריך להם נאך דעם אז ער האט צו זיי ניט בדארפט כלומר נאך דעם אז ער איז שוין גוועזן איין עושר אונ ער האט צו זייא ניט בדארפט בדארף ער היינט יוא צו זייא ויכנע להם דען ווערט ער איין נכנע צוא זייא ותשבר רוחו מהתגאות בענינו אונ זיין גימיט ווערט צו בראכן פון בעל גאוה זיך צו האלטין אין זיינע עניינים אזו וויא שמואל הנביא האט גזאגט צו עלי הכהן גדול והיה כל הנותר בביתך אונ עש וועט זיין דער וואש וועט איבר בלייבן פון דיין הויז גיזינד יבא להשתחוות לו לאגורת כסף וככר לחם וועט קומען אונ וועט זיך בוקין צו דעם כהן גדול וואש וועט זיין אין זיינע טעג ער זאל אים געבין איין זילבערנעם זעקסעריל אונ אשטיק ברויט והשלישית אונ דאש דריטע כשתהיה עליו לזולתו טובה עודפת ווען אז זיין חבר וועט עש בעסר גיין פון אים כלומר ווען זיין חבר איז מער עושר פר אים ויראה חסדו עליו אונ דר חבר וועט אויף אים ווייזן זיין חסד כלומר ער וועט אים טאן גוטש ויכנע לו דען וועט ער זיך פר אים מכניע זיין אזו וויא עש שטייט אין (משלי) רבים יחלו פני נדיב פיל בעטן דעם מילדין מאן ווייל מען קאן פון אים עפיס גינישן והרביעית אונ דאש פערטע איז מי שנתחייב לחבירו דבר ואינו יכול לפורעו ווען איינר איז דעם אנדערן עפיס שולדיג אונ קאן אים עש ניט בצאלן ויכנע לו וועט ער זיך פר אים מכניע זיין אזו וויא עש שטייט אין (משלי) אם אין לך לשלם אז דו האשט ניט צו בצאלן וכו׳ והחמישית אונ דאש פינפטע איז מי שהוא במאסר אויבו דער וואש איז גפאנגן ביי זיין פיינט אין דר תפיסה ויכנע לו ותשוח נפשו דער וועט זיך נידעריג האלטין פאר אים אונ זיין לייב וועט ער איין בייגן פאר אים אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) ענו בכבל

כמ"ש (תהלים קכג) הנה כעיני עבדים וגו' והשביעית כשתמצאנה את האדם צרות ופגעים מעציבים תשבר רוחו ויכנע לבבו ככתוב (ויקרא כו) או אז יכנע לבבם הערל · והשמינית כשיחשוב עם נפשו בהמרותו האלהים בטובתו ובעטו בה במקום השבח עליה ויכנע ויבוש ויכלם מן האלהים כמו שאמר (עזרא ט) אלהי בושתי ונכלמתי · והתשיעית כאשר יוכיחנו הבורא ויכלימנו על המרותו אותו יכנע ויפחד כמו שאמר על אחאב (מלכים א' כא) הראית כי נכנע אחאב מלפני והעשירית כשירגיש בקרבת המות ובוא יומו ויחשוב באימת המות ומעמד הדין והחשבון ויכנע וישוח ותקל נפשו בעיניו ויתחרט על

מרפא לנפש

בתכלי עוני וסוף הענין ויגל אזנם למוסר ויאמר כי ישובון מאון ע"כ : והשביעית כשתמצאנה את האדם צרות כו' · ולעיל בשני מיירי בפגעים שיצטרך לב"א לסייעו ולהצילו מהם וכאן מיירי בפגעים שאין שום אדם יוכל להצילו בלתי ה' לבדו כאשר מבואר בפסוקים שהביא על כל אחד מהן : ובעטו בה · כאותן הטובות שנתן לו האלהים הוא מבעט בהן במקום שהיה לו לשבח ולהודות לה' כמ"ש עזרא על שנשאו נשים נכריות והקב"ה היה רוצה לקבלם בבית שני : והעשירית כשירגיש בקרבת המות כו' · ר"ל שיכנע מעצמו וזכר שמחבר עשר סיבות האלה שבעבורם יכנע האדם כדי שיבור לו האדם הדרך הישרה ולא ימתין מלהכנע עד שיפגעו בו פגעים רעים וצרות כמו הראשונות רק יכנע במדרגה השמינית והט' והיו"ד וכ"כ לעיל בשער ע"ה סוף פ"ד כל' הזה ובשער התשובה פ"ו ע"ש ותבין :

רגלו זייא האבין זיינע פים גפיינגט אין קייטן וכו' והששית אונ דאש זעקסטע איז העבד שאינו יכול לפדות את עצמו מיד אדוניו איין קנעכט וואש ער קאן זיך ניט אויש לייזן פון זיין הארן יכנע לו מוז ער זיך פר אים מכניע זיין אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם גלייך וויא די אויגן פון קנעכט זיינן נאר צו זייער הארינש העגט והשביעית אונ דאש זיבעטע איז כשתמצאנה את האדם צרות ופגעים מעציבים ווען עש קומט אויף דעם מענטשן צרות אדר שלעכטע בגעגענש וואש זיי מאכין אים טרויעריג אונ אזעלכע בגעגענש וואש קיינר קאן אים ניט העלפן נאר גאט אליין ויכנע לבבו וועט ער מכניע זיין הארץ צו גאט ב"ה אזו וויא עש שטייט אין דר תורה או אז יכנע לבבם הערל טאמר דענשט מאל וועט אונטר טעניג ווערן זייער פאר שטאפט הארץ והשמינית אונ דאש אכטע איז כשיחשוב עם נפשו ווען ער וועט זיך ערבשט ברעכענען בהמרותו האלהים וויא ער ווידער שפעניגט קעגן גאט בטובתו פאר זיין גוטש וואש ער טוט אים אדר אזו איז דער פשט (בטובתו) אין דער זאך וואש דער בשעפר האט אים גוטש גיטאן האט ער ווידר גשפעניגט דהיינו ער האט אים גיגעבן פיל עשירות האט ער טאקע מיט דיא עשירות ווידער גשפעניגט קעגין אים ובעטו בה במקום השבח עליה אונ ער האט ווידער גישפעניגט אין דעם כלומר אין די טובות וואש דער בשעפער האט אים גיטאן אויף דעם ארט וואו ער וואלט גיהערט לויבן אים דער פאר אז ער וועט דאש גידיינקען ויכנע ויבוש ויכלם מן האלהים וועט ער זיך מכניע זיין אונ זיך שעמן פר גאט אזו וויא עזרא האט גיזאגט אלהי בשתי ונכלמתי מיין גאט איך בין פאר שעמט גווארין אויף הייבין מיין פנים קעגין דיר והתשיעית אונ דאש ניינטע איז כאשר יוכיחנו הבורא אז דער בשעפער וועט אים שטראפין דורך איין נביא ויכלימנו על המרותו אותו אונ ער וועט אים פאר שעמן איבר דעם וואש ער האט אים ווידר גישפעניגט יכנע ויפחד וועט ער זיך מכניע זיין צו אים אונ וועט זיך פארכטין פאר אים אזוא וויא ער האט גזאגט פון אחאב הראית כי נכנע אחאב מלפני האשטו גזעהן וויא אחאב איז אונטר טעניג גווארן פאר מיר והעשירית אונ דאש צעהענטע איז כשירגיש בקרבת המות אז ער וועט פילין אז דער טויט איז נאהענט צו אים ובוא יומו אונ גדיינקט אז עש וועט קומען זיין טאג פון דעם טויט ויחשוב באימת המות אונ וועט טראכטין אין דעם פארכט פון דעם טויט ומעמד הדין והחשבון אונ וועט טראכטן וויא ער וועט בדארפן שטיין פאר דעם דין פון דעם בשעפר אונ וועט מוזין חשבון אפ געבין ויכנע דען וועט ער זיך מכניע זיין וישוח אונ וועט זיין איין

חליפת ימיו וכלות חייו מבלי צידה ממעשים טובים יקדמו לפניו לעת נסעו כמו שאמר (ישעיה לג) פחדו בציון חטאים :

פרק ד **אבל** באיזה ענין חייב להתנהג בכניעה ובשפלות אומר כי הכניעה חייב אדם להתנהג בה בשבעה ענינים אחד במשאו ומתנו עם אנשי דורו ובמנהג הטוב עם בני מינו כאשר אבאר במה שאני עתיד לדבר בו ובו אמר הכתוב (תהלים טו) נבזה בעיניו נמאס · והשני כשיפגע חכמים בדעת אלהים ובתורתו והחסידים הקרובים אל האלהים כמו שנאמר (שם קמא) יהלמני צדיק חסד ויוכיחני ואמר (משלי יד) שחו רעים לפני טובים · והשלישי כשישבחוהו במדותיו הטובות חייב להכנע ויעביר על לבו מה שקדמו לו מן העונות והחטאים אשר הבורא יודעם וכסה אותם עליו והאריך לו כדי שישוב מהם ואל ישמח בטעות בני אדם בו אך יאבל בעבור שהבורא יתעלה יודע

מרפא לנפש

נבזה בעיניו נמאס · פי' הרד"ק אע"פ שהוא הולך תמים וכו' אינו מתגאה בזה אלא הוא נבזה בעיני עצמו כו' וכל המזמור נאמר בהנהגת שבין אדם לחבירו כמ"ש ולא עשה לרעהו רעה וגו' : יהלמני צדיק וגו' · פי' רש"י

גיבויגן ונקל נפשו בעיניו אונ וועט זיך זעלבשט גרינג האלטין כלומר ער וועט שוין ניט האבין קיין גאוה צו זאגין מען בדארף פאר מיר דרך ארץ האבן אדר נאך אזו אגלייכן נאר ער וועט בייא זיך אליין גרינג זיין ויתחרט על חליפת ימיו אונ ער וועט חרטה האבן אויף דעם וואש זיינע טעג זיינען אוועק גגאנגן וכלות חייו אונ זיין לעבין איז פר לענד גיווארין אזו אצייט מבלי צידה ומעשים טובים אונ האט זיך ניט אן גיגרייט קיין שפייז אונ מעשים טובים יקדמו לפניו בעת נסעו זיי זאלן פר אים פריער גיין אז ער וועט אוועק ציהן פון דער וועלט אזו וויא ישעיה הנביא האט גיזאגט פחדו בציון חטאים פארכט אייך אין דער שטאט ציון איר זינדיגערש :

אבל באיזה ענין חייב להתנהג בכניעה ובשפלות אבר מיט וואש פר איין אופן איז דר מענטש חייב זיך צו האלטן אונטר טעניג אונ נידעריג אומר וועל איך זאגין כי הכניעה חייב אדם להתנהג בה בז' ענינים אז אין די זיבן זאכן איז דר מענטש זיך חייב מכניע צו זיין אחד מהם איינש פון די זיבין זאכן איז במשאו ומתנו עם אנשי דורו אין זיין משא ומתן ווען ער האנדילט מיט איינעם פון זיין דור ובמנהג הטוב עם בני מינו אונ זאל זיך פירין מיט איין גוטין מנהג מיט די מענטשין וואש זיינן זיין גלייכין כאשר אבאר במה שאני עתיד לדבר בו אזו וויא איך וועל ווייטר דער פון בשיידן ובו אמר הכתוב אונ פון דעם זאגט דער פסוק נבזה בעיניו נמאס ער איז ביי זיך זעלבשט מבוזה האטשע ער איז אצדיק אונ איין עושר האלט ער זיך פארט ניט בעל גאוה נאר ער איז נאך בייא זיך אליין מבוזה אונ האלט זיך גאר ניט פר קיין צדיק והשני אונ דאש אנדרע איז כשיפגע חכמים בדעת אלהים ובתורתו ווען ער בגעגינט אזעלכע וואש זיי זיינן חכמים אין דעם ווישין שאפט פון גאט אונ אין זיין תורה והחסידים הקרובים אל אלהים אונ דיא חסידים וואש זיינן נאהינט צו גאט בדארף ער זיך פאר זיי אויך מכניע זיין אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) יהלמני צדיק חסד לאז מיך שלאגן דר צדיק כלומר עש איז פאר מיר גוט אז אצדיק שלאגט אונ שטראפט מיך ווארום אלע זיינע שלעק אונ שטראף איז חסד אין (משלי) שטייט שחו רעים לפני טובים די בייזע וועלן זיך בוקן פאר די גוטע והשלישי אונ דאש דריטע איז כשישבחוהו במדותיו הטובות אז מען לויבט אים פון וועגן זיינע גוטע מדות חייב להכנע איז ער זיך חייב מכניע צו זיין ויעביר על לבו מה שקדמו לו מן העונות והחטאים אונ ער זאל גדיינקן אין הארצין וואש פאר אזינד ער האט פריער גטאן אשר הבורא יודעם וואש דר בשעפר ווייסט זיי וכסה אותם עליו אונ האט זיי אויף אים פר בארגן אז קיינר זאל זיי ניט וויסן והאריך לו אונ האט אים דרום לאנג גיווארט כדי שישוב מהם כדי ער זאל זיך פון זייא אום קערין כלומר כדי ער זאל תשובה טאן

באמת רוע מעלליו והתעלמותו מפרוע חובות האלהים וגמול טובתו ויכנע בלבו כמו שאמר (תהלים לח) כי עוני אגיד אדאג מחטאתי · והרביעי כשמספרים בגנותו יכנע לבורא ויודה לו על אשר גלה לו מעט מהרבה ליסרו ולהוכיחו כדי שישוב אליו כמו שאמר (איוב לו) ויגל אזנם למוסר · והחמישי כשמטיב לו הבורא בעולם הזה במיני הטובות יכנע לאל מפני כובד משא חובת ההודאה עליהם וישפיל לפניו מיראתו שלא תהיינה נקמה ממנו כי רוב הממון בעולם יהיה לאחד מג׳ דברים לטובה מאת הבורא יתברך או לנסיון ומבחן או לנקמה ומכשול וסימן הטובה שיהיה בעליה

מרפא לנפש

טוב לי שהוכיחני וייסרני כבי׳ אמת וצדק שכל משלומיו ותוכחתו חסד · ישלמני פי׳ יכה אותי : וגמול טובתו · פי׳ ולגמול על טובות הש״י : והד׳ כשמספרים בגנותו כו׳ · כדי שישוב אליו : כמ״ש ויגל אזנם למוסר ויאמר כי ישובון מאון · פי׳ רש״י כמה שמייסר הצדיקים בזה מגלה את אזנם שיקבלו מוסר וכאילו אומר להם שישובו מעונם · ור״ל פי׳ ויגל אזנם ע״י ששומע גנותו יקבלו מוסר : כי רוב הממון כו׳ לטובה מאת הבורא יתברך · ר״ל או שהוא

אויף זיי ואל ישמח בטעות בני אדם בו און ער זאל זיך ניט פרייען ווייל די מענטשין האבין אין אים אטעות זייא מיינן אז ער איז אצדיק אך יאבל בעבור שהבורא יתעלה יודע באמת רוע מעלליו נאר ער זאל נאך טרויעריג זיין ווייל דער בשעפר יתעלה ווייסט דאך באמת זיינע שלעכטע ווערק והתעלמותו מפרוע חובות האלהים און ער האט פאר הוילין פון צוא בצאלין וואש ער איז חייב צו גאט וגמול טובתו און דאש בצאלונג פאר דעם גוטש וואש גאט האט אים גיטאן האט ער נאך ניט אפ גצאלט ויכנע בלבו און ער זאל זיין אונטר׳ טעניג אין זיין הארץ אזו וויא דוד המלך האט גזאגט אין (תהלים) כי עוני אגיד אדאג מחטאתי ווייל איך טוא אליין זאגן מיינע עבירות וואש איך האב גטאן דרום טוא איך מיך זארגן פאר מיינע זינד עש זאל אויף מיר ניט קומן ח״ו דר פר אפורעניות והרביעי און דאש פערטע איז כשמספרים בגנותו ווען מען דער ציילט פון זיין גנאי כלומר ווען מען שענד אים יכנע לבורא זאל ער אונטר טעניג זיין צו דעם בשעפר ויודה לו און זאל אים לויבן על אשר גלה לו מעט מהרבה דער פאר וואש ער האט אים ווייניג פון זיין פיל זינד אנפלעקט ליסרו ולהוכיחו צו שטראפין אים דר מיט כדי שישוב אליו כדי ער זאל תשובה טאן אזו וויא איוב האט גיזאגט ויגל אזנם ער האט אנפלעקט זייערע אוהרין זייא זאלין הערין וויא מען שענד אים פאר דיא עבירות למוסר צו שטראף כלומר דר מיט שטראפט זייא גאט כדי זייא זאלן תשובה טאן והחמישי און דאש פינפטע איז כשמטיב לו הבורא בעולם הזה במיני הטובות אז דער בשעפער גיט אים אויף דער וועלט גוטש דהיינו ער איז איין עושר יכנע לאל זאל ער זיך מכניע זיין צוא גאט מפני כובד משא חובת ההודאה עליהם פון וועגן די שווערע משא וואש אויף אים איז מוטל אפ צו דאנקען גאט און לויבין אים דער פאר וישפיל לפניו און ער זאל נידריג זיין פר אים מיראתו שלא תהיינה נקמה ממנו ווייל ער מוז זיך פארכטן דאש געלט זאל ניט זיין צוא איין נקמה פון אים כלומר טאמער האט גאט דאש אים צוא גשיקט צוא זיין בייז ווארום ער וויל זיך דורך דעם געלט אן אים נוקם זיין כי רוב הממון בעולם ווארום דאש רוב געלט וואש מענטשין האבין אויף דער וועלט יהיה לאחד מג׳ דברים דאש טוט זיין פון וועגין איינש פון דיא דרייא זאכין לטובה מאת הבורא יתברך אדער דאש איז גיגעבין גווארן פון דעם בשעפר יתברך אים פאר אטובה או לנסיון ומבחן אדער ער זאל דעם מענטשן דער מיט פרובן ציא וועט ער גיין דער מיט אין גוטין וועג או לנקמה ומכשול אדער צוא איין נקמה און ער זאל דורך דעם געלט גשטרויכלט ווערין וסימן הטובה און דער סימן דר פון איז ווען מען האט אים גגעבן דאש געלט פון זיין טובה וועגין שיהיה בעליה טרוד בקיום חובות הבורא אז איהרע בעלים כלומר אז דער מענטש וואש האט דאש געלט איז מער טרוד

טרוד בקיום חובות הבורא מהתעסק בה ותהיה סיבה להוסיף במעשה לאלהים ולא ישים לבו לטובה ההיא ולא יבטח עליה ויוציאה בחובות הבורא דומה למה שמספר איוב ממנהגו בממונו והיאך היה מוציאו בחובת הבורא ואמר במעוט בטחונו בו (סס לא) אם שמתי זהב כסלי ולכתם אמרתי מבטחי וסימן הנסיון והמבחן שיהיה בעל הממון טרוד בהרגשתו על שמירת ממונו ולהוסיף עליו ולפחד עליו מן הפגעים מקיום מה שהוא חייב מהודאת הבורא עליו ובעליו מנוסה בו אין לו ממנו אלא אורך הדאגה בעבורו ושמירתו ושיהיה בא עליו לידי חשבון ובכמוהו אמר הכתוב

מרפא לנפש

לטובה או לנסיון: מהתעסק בה · בהטובה: אם שמתי זהב כסלי · פי' מבטחי ומחשבתי · כסל ל' מחשבה · או אם אמרתי לכתם אתה מבטחי כתם קבוצות זהב ואוצרות ואמר שם אם אמנע מחפץ דלים מה שהדל חפץ ממני לא מנעתיו ויתר מה שמספר שם מנהגו הטוב שעשה בממונו: וסימן הנסיון והמבחן כו' · הוא ע"ד מש"ל בשער הבטחון בהקדמה שם' ובשאר מקומות שחייבה חכמת הבורא יתברך ביצירת האדם במצב הזה ר"ל ביצ"ט וביצה"ר לבחון אותו בכמה מיני נסיונות הן ברע או בטוב כדי שיתחייב אחר זה הגמול והעונש כפי בחירתו ע"ש וכמה פעמים מנסה הש"י את האדם בעשירות ובהצלחה אדם שאין לו שום הנאה מעשרו רק משמרו ומוסיף עליו וגם איננו מקיים בו מה שהוא חייב לעשות ממנו ולהודות עליו לה' אזי תדע שעשרו הוא לו לנסיון ולמבחן ולעתיד צריך ליתן דין וחשבון וכ"כ בשער ע"ה פ"ד ומהם שלא כזה מי שחסר הטובות כו' ושמא האלהים מנסה אותו בה להראות בו שיסתר מרוע המצפון

צו מקיים זיין וואש ער איז חייב צום בורא מהתעסק בה איידער ער איז עסק אין דר טובה זעלבשט כלומר איידר צו זוכן מיט דעם געלט תענוגים אן צוא טאן ותהיה סיבה להוסיף במעשה לאלהים אונ דאש עשירות וואש גאט האט אים גיגעבן איז דאך די סיבה ער זאל מוסיף זיין מעשים טובים פון גאטש וועגן ולא ישים לבו לטובה ההיא אונ ער טוט גאר ניט זיין הארץ אויף דר טובה כלומר ער איז בישט טרוד תמיד אין דעם עשירות ער זאל נאך גיין נאך תאות עוה"ז אדר ער זאל וועלן נאך מער רייך ווערן ולא יבטח עליה אונ ער פר זיכרט זיך ניט אויף דעם געלט ויוציאה בחובות הבורא אונ ער ציהט גאר אויש די טובה אויף חובות פון דעם בשעפר כלומר דאש געלט וואש גאט האט אים גיגעבן טוט ער דער מיט אזעלכע זאכן וואש ער איז חייב צוא טאן דעם בשעפר דהיינו צדקה אונ גמילות חסד אונ נאך אזו אגלייכן דומה למה שמספר איוב ממנהגו בממונו אונ ער טוט גלייך וויא איוב האט דער ציילט פון זיין מנהג וויא ער האט זיך נוהג גוועזן מיט זיין געלט והיאך היה מוציאו בחובות הבורא אונ וויא ער האט עש אויש געגעבין אויף אזעלכע זאכן וואש דער בשעפר האט אים מחייב גיוועזן ואמר במיעוט בטחונו בו אונ נאך האט ער גזאגט וויא ער האט זיין בטחון ווייניג גשטעלט אויף דעם געלט אם שמתי זהב כסלי האב איך דען גטאן דאש גאלד צו מיין האפונג ולכתם אמרתי מבטחי אונ צו זגין גאלד האב איך דען גזאגט דאש איז מיין פאר זיכרונג וסימן הנסיון והמבחן אונ דער סימן פון דעם פרובונג איז כלומר אז מען האט געגעבין דאש עשירות מען זאל אים דער מיט פרובן איז דר סימן שיהיה בעל הממון טרוד בהרגשתו על שמירת ממונו אז דער בעל הממון איז טרוד צו היטן זיין געלט ולהוסיף עליו אונ וויא ארום ער זאל נאך מערין געלט ולפחד עליו מן הפגעים אונ מורא צו האבן עש זאל אויף דעם ניט קומן עפעש בייזע בגעגנעש איז ער דרינען אלץ מער טרוד מקיום מה שהוא חייב מהודאת הבורא עליו פון מקיים צו זיין מיט דעם געלט וואש ער בדארף דעם בשעפר דער פר צו לויבן אונ אפ צו דאנקן איז דאש אסימן אז מען האט אים גיגעבן דאש געלט מען זאל אים דר מיט פרובן ובעליו מנוסה בו אונ זיינע בעלים ווערן נאר מיט דעם געלט גפרובט אויב ער וועט זיך גוט נוהג זיין דר מיט אויב ניין אונ אז ער איז זיך דער מיט נוהג וויא מען בדארף אין לו ממנו האט ער ניט פון דעם גוטש אלא אורך הדאגה בעבורו נאר די גרוישע זארג וואש ער האט דריבר ושמירתו אונ זיין היטונג כלומר ער מוז עש אפ היטן ושיהיה בא עליו לידי חשבון אונ אויף יענר וועלט זאל ער נאך מוזן אויף דעם דין אונ חשבון געבין פאר דעם בשעפר פר

רייגן ושלא יספר בגנותם אונ ניט צו דער ציילין פון זייער שאנד ושימחול להם אונ ער זאל זייא מוחל זיין מה שידברו בו וואש זייא ריידין פון אים שלעכץ שרא במתכוין ויספרו בגנותו אונ אפילו צו די וואש דר ציילן אין זיין שאנד כלומר וואש זיי זיינן זיך מתכוין אים צוא שענדן זאל ער זייא אלץ מוחל זיין ואם אינם ראוים לכך ווען זייא זיינן עש אפילו ניט ווערט מען זאל זייא מוחל זיין דהיינו זייא זיינן בעלי לשון הרע פון דעשט וועגן זאל ער זיי פארט מוחל זיין אזו וויא עש שטייט אין (קהלת) גם במדעך מלך אל תקלל אויך זאלשט ניט שילטן קיין מלך אפילו אין דיינע גידאנקן אונ אין (תהלים) שטייט פיך שלחת ברעה דיין מויל האשטו גישטרעקט אויף בייז תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי דו זעצט דיך ריידן פון דיין ברודר אונ אין דיין מוטרס זון טושטו געבן איין לעסטערונג וממחילת הדבור הרע והגנוי אונ איין ראיה איז דער צוא אז דוא געהערשט מוחל זיין דעם וואש רעט אויף דיר בייז אונ שענדט דיך מה שאמר הכתוב איז גידרונגן פון דעם וואש דר פסוק האט גיזאגט ותדבר מרים ואהרן במשה אונ אהרן אונ מרים האט גרעט פון משה שטייט ווייטר דארטן והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אונ דר מאן משה איז מער עניו גוועזן פון אלע מענטשן מפני שמחל להם אונ דרום לויבט אים די תורה פר אזו איין עניו וייל ער האט זיי מוחל גיוועזן ומזה אונ פון דעם מה שאמר החכם וואש דר חכם שלמה המלך האט גזאגט גם לכל הדברים אשר ידברו אל תתן לבך אויך צו אלע זאכן וואש זיי וועלן ריידן זאלשטו ניט געבן דיין הארץ כלומר עש זאל דיך גאר ניט הארן שטייט ווייטר כי גם פעמים רבות ידע לבך ווארום דיין הארץ ווייסט דאך אז דוא האשט אויך פיל מאל אנדרע גיפלוכט איז אויך גידרונגן אז דו געהערשט מוחל זיין צוא דעם וואש שענד דיך אזו וויא אויבן איז גשטאנן ואמרו חכמינו ז״ל מעשה בר׳ אליעזר שירד לפני התיבה עש האט זיך גיטראפין אז רבי אליעזר האט זיך גישטעלט פאר דעם עמוד תפלה טאן עש זאל גיין רעגין ואמר עשרים וארבע רננות אונ האט גזאגט פיר אונ צוואנציג מזמורים ולא נענה אונ איז ניט גיענפערט גיווארן פון דעם הימל כלומר אונ עש איז ניט גיגאנגען קיין רעגין ירד ר׳ עקיבא ואמר אבינו מלכנו האט זיך רבי עקיבא גישטעלט פאר דעם עמוד אונ האט גיזאגט אבינו מלכנו אונ איז גיענפערט גיווארן יצאת בת קול ואמרה איז ארויש גיגאנגען אבת קול אונ האט גיזאגט לא שזה גדול מזה ניט ווייל רבי עקיבא איז גרעשער פון רבי אליעזר דרום איז ער יוא גיענפערט גיווארין אונ רבי אליעזר ניט אלא שזה מעביר על מדותיו וזה אינו מעביר על מדותיו נאר ווייל רבי עקיבא האט גיהאט אין זיך דיא מדה ווען איינער האט אים בייז גיטאן האט ער זיך אן אים ניט נוקם גיוועזן נאר ער האט עש אים מוחל גיוועזן אונ רבי אליעזר האט אין זיך ניט גיהאט דיא מדה ונאמר על אחד מן החסידים אונ עש איז גזאגט גיווארין אויף איינם פון דיא חסידים שעבר על נבלת כלב

כמה לבנים שניה ונתחרטו על מה שספרו בגנותה וכיון שהוא גנאי לספר בגנות כלב מת כ"ש באדם חי וכיון שהוא טוב לשבח נבלת כלב בלובן שניה כ"ש שהוא חובה לפי זה לשבח אדם משכיל ומבין והיתה כוונתו להוכיחם שלא ילמדו לשונם לדבר רע וישוב להם טבע וכן כשילמדו לשונם לדבר טוב ישוב להם טבע קבוע כמ"ש (תהלים טו) לא רגל על לשונו ואמר בהיפך זה (שם נב) הוות תחשוב לשונך · אהבת כל דברי בלע ואמר (שם קכ) מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה · והחמישי הכניעה מעניני עולמו כלם הנראה מהם והנסתר בדבורו ובמעשהו ובתנועת איבריו ונוחם ולא יהיה תוכו בכל זה הפך דברו ולא מצפונו כנגד נראהו ותנועותיו שקולות ונכונות ושוות ומתדמות

מרפא לנפש

טבע' ויסיס לשם טבע כי שהרגל נעשה טבע : ובתנועת אבריו ונוחם : ר"ל הן כאשר ינועו אבריו והן כאשר

מסרחת מאוד וואש ער איז גיגאנגן בייא איין נבילה פון אהונט וואש זיא האט גיהאט זייער אמיאוסין ריח ואמרו לו תלמידיו האבין זיינע תלמידים צוא אים גזאגט כמה מסרחת נבלה זאת וויא זייער אמיאוסין ריח דיא נבלה האט אמר להם האט דער חסיד צוא זייא גיזאגט כמה לבנים שניה דער קענגען וויא ווייש אירע ציין זיינן כלומר וואש בדארפט איר דער ציילין איר גנות אמער דר ציילט איר דעם שבח פון איר ונתחרטו על מה שספרו בגנותה האבין דר נאך דיא תלמידים חרטה גיהאט וואש זיי האבן די נבלה גשענד וכיון שהוא גנאי לספר בגנות כלב מת אונ ווען עש איז ניט רעכט צוא שענדין אגיפיירטין הונט כל שכן באדם חי איז שוין אפל שכן אז מען טאר ניט שענדן אלעבדיגין מענטשין וכיון שהוא טוב לשבח אונ ווען עש איז גוט מען זאל לויבן איין נבלה פון אהונט מיט דעם ווייסקייט פון אירע ציין כ"ש שהוא חובה לפי זה לשבח אדם משכיל ומבין איז שוין אפל שכן אז מען איז חייב צו לובין אקלוגן אונ איין פר שטאנדיגן מענטשן והיתה כוונתו להוכיחם אונ דר מיט וואש דר חסיד האט זיי גזאגט וויא ווייסע ציין זיא האט האט ער גמיינט דר מיט צו שטראפן זיי שלא ילמדו לשונם לדבר רע זיי זאלין זייער צונג ניט גוואונן בייז צו ריידן וישוב להם טבע ווערט עש ביי זיי ווערן פר איין טבע וכן שילמדו לשונם לדבר טוב אונ אזו אויך אז זיי וועלן לערנן זייער צונג צו ריידן גוטש ישוב להם טבע קבוע ווערט עש בייא זייא זיך אום קערין פאר אגיזעצטע טבע אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) לא רגל על לשונו ער האט זיך ניט גיוואונט רכילות זאגן מיט זיין צונג איז דאך גידרונגען אז דאש ווענט זיך אין איין גוואנונג ואמר בהפך זה אונ ער זאגט פון אזעלכן דר וואש טוט פאר קערט דר פון דהיינו ער גוואונט זיך יוא בייז צו ריידן הוות תחשוב לשונך דיין צונג טראכט אויף ברעכעניש אהבת כל דברי בלע דו האשט ליב אלע פר דארבליכע זאכן אונ נאך שטייט דארטין מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה וואש זאל דיר גאט געבן אונ וואש זאל ער דיר נאך מערן פאר איין היטונג דוא שאלקהאפטיקע צונג זיא האט שוין צווייא שומרים פאר זיך די ציין אונ דאש מויל אונ עש העלפט איר פארט ניט והחמישי אונ דאש פינפטע איז הכניעה בעניני עולמו כולם ער זאל זיך נוהג זיין מיט כניעה בשעת אז ער איז עוסק אין אלע דיא וועלטליכע זאכן הנראה מהם והנסתר סייא אין דיא זאכן וואש ווערין גזעהן אונ סייא אין די פאר בארגנע זאכין בדיבורו ומעשהו סייא מיט זיינע רייד אונ סייא מיט זיינע מעשים ובתנועות אבריו ונוחם אונ סייא אז זיינע אברים וואגלין אונ סייא אז זייא רוען ולא יהיה תוכו בכל זה הפך דברו זאל בייא דעם אלץ זיין אינעווייניג ניט אנדרש זיין פון זיין אויש ווייניג כלומר ער זאל זיך ניט ווייזין פאר גרויש שפלות אונ אין הארץ זאל ער האבין גאוה ולא מצפונו כנגד נראהו אונ זיין פאר בארגינקייט זאל ניט זיין קענן זיין ווייזונג די זאכין וואש ער טוט פאר בארגן זאל ניט זיין אנדערש אז דיא זאכין וואש ער טוט אז אלע זעהן ותנועותיו שקולות אונ זיינע תנועות

הולכות על דרך הכניעה והשפלות לאלהים יתברך ולבני אדם כפי התחלקות מעלותם וכפי הטוב לו מהם לתורתו ולעולמו כמו שנאמר (תה קיב) טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט ואמרו רז"ל הוי שפל רוח בפני כל אדם ואמרו הוי קל לראש ונוח לתשחורת · והששי שיהיה יקר רוח וגבה נפש בעניני העולם הבא שלא יספיק לו מהם מה שיזדמן ולא יאמר די במה שתמצא ידי מהם אבל ימעט בעיניו מעשהו ויכלתו והשתדלותו בעיניו ותגבה נפשו אל מה שלמעלה מזה תמיד כמו שאמר הכתוב ביהושפט (ד"ה ב יז) ויגבה לבו בדרכי ה' · והשביעי שיקטן בעיניו מעשהו ויתרעם על נפשו על קצורה בעניני תורתו לפני האלהים ולפני בני אדם ויבקש מאלהים עזר

מרפא לנפש

ינוחו יהיה הכל שוה אלו בכניעה ובשפלות: כפי התחלקות מעלותם · כמ"ש הז"ל הוי קל לראש ונוח ·לתשחורת: והששי שיהיה יקר רוח · שיהיה רוחו ונשמתו יקרים אלו ונפשו יגבה בעיניו מאד לתת לחם די ויותר מתורה ומע"ט לפי גודל מעלתם כמ"של ע"ש : והשתדלותו בעיניו · כנ"ל ור"ל בענייני העולם הבא : שיקטן · בחלוקה שלפני זה דבר שיתנשא נפשו מלמעלה ממדריגה שהוא בה עתה · ועתה דבר שיאונן על קצורו ויבקש עזר מה : והרים

זאלן זיין גוואוגין ונכונות ושוות ומתדמות אונ רעכט אונ גלייך אונ אין איינרלייא גישטאלט הולכות על דרך הכניעה אונ זאלין אלץ גיין כלומר זאלין אלץ זיין אויף דעם דרך פון אונטר טעניקייט והשפלות אונ נידריקייט לאלהים יתברך צוא גאט יתברך ולבני אדם אונ צו לייט כפי התחלקות מעלותם וועדליג זייערע מעלות זיינן גיטיילט כלומר ער זאל זיין אונטר טעניג צוא איטליכען מענטשין וועדליג זיין חשיבות צוא אגרוישן חשוב זאל ער זיך מער מכניע זיין אונ צו אקלענערן ווייניגר וכפי הטוב לו מהם לתורתו ולעולמו אונ וועדליג דיא טובה וואש קומט אים ארויש פון דיא מענטשן צוא דער תורה אונ צוא דיא וועלטליכע זאכן כלומר פון דעם מענטשין וואש ער האט מער טובה סייא אין דיא ענינים פון דער תורה אדער אין דיא ענינים פון דער וועלט מוז ער זיך צוא אים מער מכניע זיין ואמרו רז"ל אונ אונזערע חכמים האבן גזאגט הוי שפל רוח בפני כל אדם דוא זאלשט זיין נידריג פאר אלע מענטשין ואמרו אונ נאך האבן זיי גזאגט הוי קל לראש דוא זאלשט זיך האלטן גרינג פאר איין חשובין מענטשין ונוח לתשחורת אונ דעמוטיג כלומר גוט זאלשטו זיין קעגין איין יונגען מאן אויך והששי אונ דאש זעקסטע איז שיהיה יקר רוח וגבה נפש בעניני העולם הבא אז זיין נשמה מיט זיין נפש זאל בייא אים טייער אונ הויך זיין אין דיא ענינים פון עולם הבא אונ דאש מיינט מען שלא יספיק לו מהם מה שיזדמן אז ער זאל זיך ניט בנוגין לאזין מיט דעם וואש ער וועט מקיים זיין די מצות וואש זיינן פאר אים אן גיברייט כלומר וואש ער בדארף צוא זייא קיין טירחא ניט האבן ולא יאמר די במה שתמצא ידו אונ זאל ניט זאגן עש איז שוין גינוג פאר אים די מצות וואש ער האט גרייכט מיט זיין מאכט אבל ימעט בעיניו מעשהו נאר זיינע מעשים וואש ער האט גטאן זאלין אין זיינע אויגן ווייניג זיין ויכלתו והשתדלותו אונ זיין יכולת אונ זיין פלייסין וואש ער האט זיך גיפלייסט צוא טאן דיא מצות זאל אלץ ווייניג זיין בעיניו אין זיינע אויגן ותגבה נפשו אל מה שלמעלה מזה תמיד אונ זאל זיך דער הייבן תמיד צוא העכערש דער פון כלומר ער זאל זעהן ער זאל נאך מער מצות טאן אזו ווי עש שטייט ביי יהושפט המלך ויגבה לבו בדרכי ה' אונ ער האט דער הויבן זיין הארץ פון גאטש וועגין כלומר וואש ער האט גטאן מצות אונ מעשים טובים איז בייא אים אלץ ווייניג גוועזן אונ ער איז אלץ גקומן צו העכערש והשביעי אונ דאש זיבעטע איז שיקטן בעיניו מעשהו אז זיינע מעשים טובים וואש ער האט גטאן זאלן בייא אים גאר קליין אונ ווייניג זיין ויתרעם על נפשו אונ זאל אויף זיך זעלבשט תרעומות מאכין אונ זאל בזארגט זיין על קצורה בעניני תורתו לפני האלהים ווייל ער האט ניט גינוג גיטאן וואש דיא תורה האט גבאטן

ואומץ ויניח הגבהות לכבוד הבורא ויעזוב הגדולה והיקר בעת שהוא עושה לאלהים יתברך בין לבדו בין בתוך מקהלות בני אדם כמו שאמר הכתוב על אהרן על גדולת מעלתו (ויקרא י) והרים את הדשן וגו' וחייבו הבורא להוציא את הדשן בכל יום תמיד להשפל ולהסיר הגבהות מלבו וכמו זה אמר בדוד (שמואל ב ו) ותרא את המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה' ושאר הענין ואמר (תהלים קיט) ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבושי והשמיני שיספיק לו מסיבות המזון מה שיזדמן ומה שימצא מאשר תהיה נפשו נמבזה ונקלה בעיניו ולחנך אותה לעמוד מתאוותיה הגופניות ולהפנות לפרוע חובות הבורא על גודל טובותיו ורוב חסדו עליו כמ"ש דוד (שם) דרך מצותיך ארוץ וגו'. והתשיעי שינקום מן הרשעים לכבוד הבורא ואל תשיאהו מחילתו לבני אדם בצד

מרפא לנפש

את הדשן וחייבו הבורא כו' · כך מצאתי בירושלמי דשבת פרק המצניע א"ר לוי כתיב ולבש הכהן מדו בד והרים את הדשן אלא שאין גדולה בפלטין של מלך ע"ש בפי' שכתוב: ותרא את המלך · במיכל בת שאול כתיב ותבז לו בלבה וסוף הענין ולמיכל בת שאול לא היה לה ולד עד יום מותה: לעמוד מתאוותיה · לעצור עצמו למעט בתאוות העוה"ז כדי שיוכל להפנות לפרוע כו': דרך מצותיך ארוץ כי תרחיב לבי · מדאגת או מתאות עוה"ז : ואל תשיאהו

וואש מען געהער צו טאן פר גאט ולפני בני אדם אונ פר לייט ויבקש מאלהים עזר ואומץ אונ זאל בעטן פון גאט ער זאל אים העלפן אונ זאל אים שטארקן זיין כח ער זאל אים קאנן רעכט דינן ויניח הגבהות לכבוד הבורא יתעלה אונ זאל אוועק לאזן זיין הויכקייט פון וועגן דעם כבוד פון דעם בשעפר יתעלה ויעזוב הגדולה והיקר אונ זאל פר לאזן זיין גרוישקייט אונ זיין חשיבות בעת שהוא עושה לאלהים יתברך אין דר צייט אז ער טוט עפים צו גאט יתברך בין לבדו בין בתוך מקהלות בני אדם סייא ער איז אליין סייא ער איז צווישן איין זאמלונג פון לייט זאל ער אלץ זיין גדלות פר לאזן כמו שאמר הכתוב על אהרן על גדולת מעלתו אזו וויא דר פסוק האט גזאגט אויף אהרן הכהן וואש ער איז גוועזן זייער אין איין הויכע מעלה שטייט אין (ויקרא) והרים את הדשן ער זאל די אש אראפ נעמן פון דעם מזבח וחייבו הבורא להוציא את הדשן בכל יום תמיד אונ דר בשעפר האט אים דרום מחייב גוועזן ער זאל אלע טאג דאש אש פון דעם מזבח ארויש טראגן להשפיל ולהסיר הגבהות מלבו כדי ער זאל זיך נידריג האלטן אונ אפ צו טאן דאש הויכקייט פון זיין הארץ חאטשע ער איז אין אזו אגרושר מעלה פון דעסט וועגן בדארפן אלע לייט זעהן וויא נידריג ער מוז זיין קעגין גאט יתברך אונ מוז פון זיינע מחשבות אפ טאן דאש הויכקייט וכמו זה אמר בדוד אונ אזו אגלייכן שטייט ביי דוד המלך ותרא את המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה' אונ זיא האט געזעהן דעם מלך דוד שפרינגן אונ טאנצין פר גאט ושאר הענין אונ וויא ווייטר שטייט נאך אין (תהלים) שטייט ואדברה בעדותיך נגד מלכים אונ איך טוא ריידין אין דיין תורה קעגין דיא מלכים כלומר חאטשע דיא מלכים פון דיא היידין האבין גשפעט פון מיר ווייל איך האב אלץ גלערינט תורה ולא אבוש אונ פון דעסט וועגן האב איך מיך ניט גשעמט והשמיני אונ דאש אכטע איז שיספיק לו מסיבות המזון אז ער זאל זיך בנוגן לאזין מיט דיא מיטלען פון דעם שפייז מה שיזדמן מיט דעם וואש איז ביי אים אן גברייט כלומר מיט דעם וואש ער האט ומה שימצא אונ מיט דעם וואש ער קאן גרייכן מאשר תהיה נפשו נמבזה ונקלה בעיניו מחמת זיין נפש וואש גלוסט צו תאות עולם הזה זאל ביי אים מבוזה אונ גרינג זיין ולחנך אותה אונ צו גוואונן זיא כלומר דעם נפש לעמוד מתאוותיה הגופנית איין צו האלטן אונ צו פר מיידן זיא פון אירע ליבליכע תאוות ולהפנות לפרוע חובות הבורא אונ זאל זיך קערן צו בצאלן וואש ער איז שולדיג צום בשעפר על גודל טובותיו פר זיין גרויש גוטש ורוב חסדו עליו אונ פאר זיין פיל גנאד וואש ער האט אים גיטאן אזו וויא דוד המלך האט גזאגט דרך מצותיך ארוץ אין דעם וועג פון דיינע מצות טוא איך לויפן כי תרחיב לבי ווארום מיין הארץ טוט זיין בארוט פון דיא תאוות העוה"ז כלומר איך גלושט

עצמו למחול בדברי האלהים או למי שידבר בנביאיו וחסידיו וסגולתו ואל ינהג בעשק בני אדם איש את רעהו כמנהגו במחילתו להם בעשקם אותו אך יציל העושק ויעזור להוציא מיד העושק כמו שכתוב (ירמיה כא) דינו לבקר משפט והצילו גזול מיד עושק ואמר (איוב כט) ואשברה מתלעות עול· ויורה בני אדם עבודת האלהים ויוכיחם ויכלימם ויצוום על הטוב ויזהירם מן הרע בידו ובלשונו כפי יכולתו וימהר לקחת דיני האלהים ממי שחייב בהם ולא יכנע ולא ישפל בזה כמ"ש בפנחס (תהלים קו) ויעמוד פנחס ויפלל ותעצר המגפה ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם· והעשירי שיהיה במעט דברים וקולו נמוך ומעט שחוק ומעט שבועות בשם על האמת לא יעבור על לשונו

מרפא לנפש

מחילתו לב"א בצד עצמו כו' · ר"ל אע"פ שיהיה האדם מן הנעלבים ואינם עולבים מדברי עצמו לא יהוה מדותיו ויכית אותו היצר שימחול ג"כ בדברי האלהים כו': וכן אל ינהג בעושק כו' · עושק בסגו"ל שם הגזילה· עושק בציר"י שם הגזלן: ויורה ב"א כו' · כמ"ש חז"ל כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה הוא נתפס בעוונם: ויכלימם · היינו לרשעים גמורים כמש"ל כפי יכולתו אבל אם אין יכולתו להוכיח אמרו חז"ל כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע: בידו· ר"ל שיכתוב ספרים על זה שא"ל שכוונתו שסיכה אותם דה"ל להקדים ובלשונו פ"ל: ויעמוד פנחס ויפלל · לשון משפט כמו ונתן בפלילים וכן אמרו בגמרא בסנהדרין ויתפלל לא נאמר אלא ויפלל כו':

צו זיי ניט דרום טוא איך לויפן צוא דיינע מצות והתשיעי אונ דאש נייאנטע איז שינקום מן הרשעים לכבוד הבורא אז ער זאל זיך נוקם זיין פון די רשעים לפי דין המלכות פון וועגן דעם כבוד פון דעם בשעפר יתעלה ואל תשיאהו אונ עש זאל אים ניט אן ריידן כלומר ער זאל זיך קיין ראיה ניט נעמן מחילתו לבני אדם בצד עצמו ווייל אין זיינע זאכן ווען איינר טוט אים עפיס בייז איז ער אים מוחל דרום וועט ער וועלין דר פון זיך אראיה נעמן למחול בדברי אלהים מוחל צו זיין אים ווען ער טוט עפיש קעגן גאט או למי שידבר בנביאיו וחסידיו וסגולתו אדר צו דעם ווש ער רעט אויף זיינע נביאים אונ חסידים אונ אויף זיינע גליבטע לייט זאל ער אזו ניט טאן ואל ינהג בעשק בני אדם איש את רעהו אונ ווען איינר פון די לייט טוט דעם אנדרן גזלן זאל ער זיך דרינן ניט נוהג זיין כמנהגו במחילתו להם בעשקם אותו אזו וויא זיין מנהג גהער צו זיין אז זיי גזלנן אים דאש ער בדארף זייא מוחל זיין אך יציל העשוק נאר ער זאל מציל זיין דעם וואש ווערט גרויבט ויעזור להוציא מיד העושק אונ זאל אים העלפין אז ער זאל ניינש אויש ציהן פון דעם רובר אז וויא עש שטייט אין (ירמיה) דינו לבקר משפט משפט איר אלע פריא מארגן דעם רעכטן משפט והצילו גזול מיד עושק אונ בשירמט דעם ברובטן פון די הענט פון זיין רויבר אונ איוב האט גזאגט ואשברה מתלעות עול אונ איך האב צו בראכן דיא באק ציין פון דעם שלקהאפטיגן מאן ויורה בני אדם עבודת האלהים אונ ער זאל לערנן די לייט וויא זייא זאלן גאט דינן ויוכיחם ויכלימם אונ ער זאל זייא שטראפן אונ צו דיא רעכטע רשעים זאל ער פר שעמן פאר דעם וואש זייא האבין בייז אהער בייז גטאן ויצוום על הטוב אונ זאל זיי גביטן אויף גוטש צו טאן ויזהירם מן הרע אונ זאל זיי מזהיר זיין פון בייז בידו ובלשונו מיט זיין האנט כלומר ער זאל שרייבין ספרים אויף דעם וויא מען גהער ניט צו טאן קיין בייז נאר גוטש אונ זאל זיי שטראפן מיט זיין צונג כפי יכולתו וועדליג זיין יכולת וימהר לקחת דיני האלהים אונ זאל זיך היילן אמשפט צו טאן פון גאטש וועגן ממי שחייב בהם פון אזעלכן וואש האט עש פר דינט ולא יכנע ולא ישפיל בזה אונ זאל דרינן ניט אונטר טעניג אונ ניט נידריג זיין כמו שאמר בפנחס אזו ווי דוד המלך האט גזאגט אין (תהלים) פון פנחס ויעמוד פנחס ויפלל אונ פנחס איז אויף גשטאנן אונ האט גימשפט זמרי ווייל ער איז גלעגן מיט דער מדינית ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם אונ דאש איז גרעכינט גווארן פר אגרעכטיקייט צו אלע גבירט ביז אייביג והעשירי אונ דש צעהנטע איז שיהיה מעט דברים דאש ער זאל ווייניגריידן וקולו נמוך אונ זיין קול זאל נידריג זיין ומיעוט שחוק אונ זאל ווייניג לאכן ומיעוט שבועות בשם אפילו

כזב ולא ישב בסוד משחקים ולא ישמח במה ששמחים עמי הארץ מתענוגי העולם וזה מכניעה ושפלות לא מצד גדולה והתנשא כמו שאמר הנביא (ירמיה טו) לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז מפני ידך בדד ישבתי כי זעם מלאתני :

פרק ז **אבל** הסימנים שבהם תתברר הכניעה מן הנכנע כשיראו בו הם חמשה אחד מהם בעת חוזק כעסו על מי שמבזה אותו בין במאמר בין במעשה שאם ימשול ברוחו וימחול אחר היכולת להנקם מענוה ושפלות יורה על ברור כניעתו · והשני כשיפגעהו פגע בממונו או יקרהו מקרה בקרוביו אם יגביר הסבל על החרדה וירצה בגזרת הבורא ויצדיק את דינו יורה על כניעתו הטובה ושפלותו לאלהים כמו שאמר הכתוב על אהרן במה שארעו במות נדב ואביהוא (ויקרא י) וידום אהרן ואמר דוד

מרפא לנפש

והעשירי כו' וזה מכניעה ושפלות · ר"ל כל הנזכר לא יעשה מחמת גאוה אלא מחמת כניעה ושפלות כי לפעמים הוא כניעה פסולה :

אבל הסימנים כו' · כשיראו בו אותן הסימנים ההם שהמשה אזי נתברר כניעתו : אחד מהם כו' · כמ"ש

על האמת אונ זאל ווייניג שווערן ביי דעם הייליג נאמען ווען עש איז שוין אפילו אמת ולא יעבור על לשונו כזב אונ זאל קיין ליגן איבר זיין צונג ניט ברייננן ולא ישב בסוד משחקים אונ זאל ניט זיצן אין דער עצה פון די שפעטר ולא ישמח במה ששמחים עמי הארץ אונ זאל זיך ניט פרייען מיט דעם וואש דער פראסטר עולם פרייט זיך מתענוגי העולם פון דיא תענוגים פון דר וועלט וזה אונ דאש זאל ער אלץ טאן מכניעה ושפלות מחמת אונטר טעניקייט אונ מחמת נידריקייט לא מצד גדולה והתנשא ניט מחמת זיך גרויש אונ חשוב צוא מאכן כלומר ער זאל עש ניט טאן דריבר כדי מען זאל אים האלטן פר איין עניו מיינט ער דאך דר מיט כדי ער זאל גרויש זיין ביא לייט הייסט דאך דאש גדלות אזו וויא דער נביא האט גיזאגט לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז איך בין ניט גיזעסן אין דר עצה פון דיא שפעטר דאש מיר זאלין זיך פרייען וכו' :

אבל הסימנים שבהם תתברר הכניעה מן הנכנע אבער דיא סימנים וואש דורך זייא קאן מען קלאר וויסן אז איינר האלט זיך אונטער טעניג אונ נידעריג כשיראו בו אז דיא סימנים ווערין אין אים גיזעהן הם חמשה דיא סימנים זיינן פינף אחד מהם איינש פון דיא פינף איז בעת חוזק כעסו אין דער צייט אז ער איז שטארק ברוגז על מי שמבזה אותו אויף דעם וואש האט אים מבזה גוועז בין במאמר בין במעשה סיי ער האט אים מבזה גוועזן מיט רייד סיי מיט א מעשה שאם ימשול ברוחו אז ער וועט גיוועלטיגן איבער זיין כעס וימחול אונ ער וועט אים מוחל זיין אחר היכולת להנקם נאך דעם אז ער האט יוא יכולת אן יענם זיך נוקם צו זיין אונ וועט אים פארט מוחל זיין מענוה ושפלות מחמת זיינע ענוות אונ מחמת ער האלט זיך נידעריג יורה על בירור כניעתו דאש ווייזט אז ער איז גיוויש אונטער טעניג · והשני אונ דאש אנדערע איז כשיפגעהו פגע בממונו ווען עש קומט אויף אים עפיס אשאדין אין זיין געלט או יקרהו מקרה בקרוביו אדער עש טרעפט זיך אים עפיס איין אום גליק אין זיינע קרובים אם יגביר הסבל אז ער מאכט שטארקין די מדה פון צו ליידן על החרדה אויף דעם דר שרעקניש כלומר אז ער נעמט דאש אן באהבה וירצה בגזירת הבורא אונ ער נעמט אן מיט זיין ווילן דיא גזירה פון דעם בשעפר ויצדיק את דינו אונ ער וועט מאכין גירעכט גאטש דין כלומר ער וועט זאגין מן הסתם איז גאט בוודאי גירעכט יורה על כניעתו הטובה דאש ווייזט אויף זיין גוט אונטער טעניקייט ושפלותו לאלהים אונ אז ער איז נידריג פאר גאט אזוא וויא עש שטייט אין פסוק פון אהרן במה שאירעו במות נדב ואביהוא וואש עש האט זיך אים גיטראפין מיט דעם אז זיינע קינדר נדב ואביהוא זיינען גישטארבן שטייט אין (ויקרא) וידום אהרן אונ אהרן האט שטיל גישוויגן אונ האט אן גנומן דיא

(תהלים לז) דום לה׳ והתחולל לו ונאמר (עמוס ה) לכן המשכיל בעת ההיא ידום׃ והשלישי כשיתפרסם ענינו אצל בני אדם בטובה או ברעה שאם ישבחוהו על טובה שעשה יבז למשבחו עליה ותהיה נקלה בנפשו וקטנה בעיניו מהיותה מקובלת ורצויה אצל הבורא לקטנותה נגד מה שהוא חייב בו מכפלי הטובה ההיא ויאמר למשבחו רב לך אחי כי אינה נגד עונותי כניצוץ מן האש בים ואפי׳ אם תהיה נחשבת למאומה איך אדע אם היא נצלת מפגעי ההפסד המשיגים אותה עד שיקבלנה הבורא ממני ולא ישיבנה עלי וישליכנה בפני כמ״ש (ישעיה א) כי תבואו לראות פני מי בקש זאת וגו׳ ואמר (שם) לא תוסיפו הביא מנחת שוא וגו׳ כ״ש אם ישבחנו בשקר שצריך להרחיק הדבר ההוא

מרפא לנפש

לעיל מסר״מ כפ״ו עיין עליהם יפה : יבז למשבחו עליה · פי׳ יבוז עליהם למשבחו כלומר יבזה למעשיהם הטוב לפני

גזירה פון גאט באהבה אונ דוד המלך האט געזאגט אין (תהלים) דום לה׳ והתחולל לו ווארט צוא גאטש הילף אונ האף צוא אים אין (עמוס) שטייט לכן המשכיל בעת ההיא ידום דרום דער וואש איז פאר שטאנדיג וועט די זעלביגע צייט שווייגין · והשלישי אונ דאש דריטע איז כשיתפרסם ענינו אצל בני אדם אז זיין פירונג ווערט מפורסם צווישין לייט בטובה או ברעה סאי ער טוט גוטש אדער בייז ווערט עס מפורסם צווישין לייט שאם ישבחוהו על טובה שעשה אויב זייא וועלין אים לויבן אויף דעם גוטש וואש ער האט גיטאן יבז למשבחו עליה זאל ער מבזה זיין זיינע מעשים פאר דעם וואש לויבט אים אויף זייא כלומר ער זאל זאגין וואש האב איך דען גאר גיטאן אונ דאש הייסט גאר קיין מעשים טובים ניט ותהיה נקלה בנפשו אונ דאש וואש ער האט גטאן זאל ביי אים נאך גרינג זיין וקטנה בעיניו אונ עש זאל קליין זיין אין זיינע אויגן מהיותה מקובלת ורצויה אצל הבורא אז עש זאל אן גינומען ווערין אונ באוויליגט זיין ביי דעם באשעפר לקטנותה נגד מה שהוא חייב בו ווייל דאש איז צו ווייניג קעגין דעם וואש ער איז שולדיג צו טאן מכפלי הטובה ההיא פיל טאפיל מאל מער איידר דאש גוטש וואש ער האט גיטאן ויאמר למשבחו רב לך אחי אונ זאל זאגן צו דעם וואש לויבט אים גנוג מיך צו לויבן מיין ברודר כי אינה כנגד עונותי ווארום דאש גוטץ וואש איך האב גיטאן איז ניט מער גירעכינט קעגין מיינע עבירות אלא כניצוץ מן האש בים נאר אזו וויא מען ווארפט אפונק פייער אין ים ווערט דאך באלד פאר לאשין אזו ווערט מיין גוטש פר לאשין אין די פיל עבירות וואש איך האב ואפילו אם תהיה נחשבת למאומה אונ ווען דאש גוטש זאל שוין אפילו יוא עפיס גירעכינט זיין אנטקעגין מיינע עבירות איך אדע וויא קאן איך וויסן אם היא נצלת מפגעי ההפסד המשיגים אותה אויב דאש גוטש איז ניצול גיווארין פון באנגענעש פון שאדן וואש קאן זיא גרייכין כלומר ווער וויים אויב דאש גוטש איז גיטאן גיווארין אין גאנצין פון גאט וועגין עד שיקבלנה הבורא ממנו אז דר באשעפר זאל דאש פון מיר אן נעמן ולא ישיבנה עלי אונ ער זאל עש מיר ניט צוא ריק אום קערין וישליכנה בפני אונ אפשר וועט ער מיר ווארפין אין פנים אריין כלומר ווארום אז מען ברייננט איין האר אמתנה אונ זיא גיפעלט אים ניט קערט ער זיא אום צו ריק צוא דעם וואש האט זיא גיבראכט אונ אפט קאן זיין מחמת ער איז ברוגז אויף דער מתנה ווארפט ער אים זיא אין פנים אריין אזו אויך האב איך מורא גאט זאל מיר ניט ווארפין מיינע מעשים טובים אין פנים אריין אזו וויא עש שטייט אין (ישעיה) כי תבואו לראות פני מי בקש זאת אז איר קומט צו זעהען מיין שכינה ווער באגערט דאש פון אייך אונ ווייטער שטייט לא תוסיפו הביא מנחת שוא איר זאלט ניט מערין צו ברייננען אפאלשע מנחה כל שכן אם ישבחנו בשקר מכל שכן אז מען לויבט אים מיט פאלשקייט כלומר אז מען זאגט אויף אים אזעלכע שבחים וואש זיינען גאר ניטא אין אים שצריך להרחיק הדבר ההיא מעצמו מוז ער בודאי די זאך פון זיך דר ווייטרין

ויאמר

מעצמו ויאמר למספר די לי (ס"א לך) אחי בקצורי במה שאני חייב בו לבורא אל תקבץ עלי עון קצורי ועון השבח במה שלא עשיתי כי אני יודע עונותי ופשעי יותר ממך כמו שאמר דוד ע"ה (תהלים נא) כי פשעי אני אדע ואם יזכור ברעה שעשה יודה על נפשו בקצורו ואל יחזור אחר אמתלאות להנקות ממנה ולזכות עצמו כמ"ש יהודה (בראשית לח) צדקה ממני ואל ישתדל להכלים (ס"א להכחיש) המספר ואל יאשימנו על אשר גלה אותו אבל יאמר לו אחי ומה שעור מה שהשקפת עלי מרוע מעשי אצל מה שלא ידעת ממני אשר האריך לי הבורא סתרו בהם ואילו היה נגלה לך רוע מעשי מעונותי היית בורח ממני ומפחד מעונש הבורא עליהם כמ"ש אחד מן המשוררים (חטאי לו יריחון בם שכני · אזי ברחו ורחקו מן גבולי) ואמר איוב (איוב כז) אם כסיתי כאדם פשעי ואם מה שספרו עליו שקר יאמר למספר אחי אין מן התימה מה

## מרפא לנפש

שמשבחו : ויאמר למשבחהו רב לך · ר"ל פסוק מלשבח כי ככל שבחת יותר מדאי הכ"ל : מהשיעור מה שהשקפת כו' · מה נחשב זה המעט מרוע מעשי מה שאתה השקפת עליהם אלא מה שלא ידעת ממני מן שאר עונותי והקב"ה יודע אותם והאריך לי אפו בהם שלא ענש אותי עליהם ברחמיו עד שאשוב : היית בורח ממני · כי אוי לרשע אוי לשכינו : כמ"ש אחד מן המשוררים חטאי כו' · והוא בתהלות של שומרים לבוקר ביום שני שאין בו תחנון ויש שם ט"ס ע"ש : אך התימה סתרו עלי כו' · אך יש לתמוה שסבורא ית' מכסה עלי במה שהוא יותר מגונה כו' : ואם

ויאמר למספר אונ זאל זאגין צוא דעם וואש דער ציילט אויף אים די שבחים די לי בקצורי במה שאני חייב בו לבורא מיין ברודער איך האב גינוג וואש איך טוא צוא ווייניג אין דעם וואש איך בין שולדיג צו טאן דעם באשעפר אל תקבץ עלי עון קצורי זאמיל ניט איין אויף מיר איך זאל האבין צוויא זינד איין זינד וואש איך טוא ווייניג וואש איך באדארף צוא טאן דעם באשעפער ועון השבח אונ דיא זינד וואש מען זאל מיך לויבין במה שלא עשיתי אויף דעם וואש איך האב ניט גיטאן כי אני יודע עונותי ופשעי יותר ממך דען איך ווייס מיינע זינד בעשר אז דוא אזו וויא דוד המלך האט גיזאגט כי פשעי אני אדע דען מיינע זינד ווייש איך ואם יזכור ברעה שעשה אונ ווען איינר ווערט אים אויף ווארפין זיין בייז וואש ער האט גיטאן יודה על נפשו בקצורו זאל ער מודה זיין אויף זיך אז ער האט דריגען גיקירצט כלומר אז ער האט ניט רעכט גיטאן אנטקעגין גאט ואל יחזור אחר אמתלאות אונ זאל ניט נאך זוכין נאך אויש רייד להנקות ממנה ער זאל זיך דער פון ריין מאכין ולזכות עצמו אונ זיך גירעכט צו מאכין נאר אזו וויא יהודה האט גיזאגט צדקה ממני זיא איז גירעכט פון מיר איז זיא מעוברת ואל ישתדל להכלים המספר אונ ער זאל זיך ניט פלייסין צוא פאר שעמען דעם וואש ער דער ציילט פון זיין בייז ואל יאשימנו אונ זאל אים ניט שולדיג מאכין על אשר גלה אותו ווייל ער האט אנפלעקט זיין זינד אבל יאמר לו נאר ער זאל צוא אים זאגן אחי מה שעור מה שהשקפת עלי מרוע מעשי וואש איז דען גאר גירעכינט דיא בייזע מעשים וואש דוא האשט גיקוקט אויף זייא אצל מה שלא ידעת ממנו קעגין דיא בייזע מעשים וואש איך האב וואש דו ווייסט זיי ניט אשר האריך לי הבורא סתרו בהם וואש דער באשעפער האט מיר אזו לאנג זיי פר בארגין גיהאלטין אונ האט מיך אויף זייא ניט גישטראפט ואילו היה נגלה לך רוע מעשי ועונותי אונ ווען עש זאל דיר אנפלעקט ווערין מיינע בייזע מעשים אונ מיינע זינד היית בורח ממני וואלשטו פון מיר אנטלאפין גיווארין ומפחד מעונש הבורא עליהם אונ וואלשט זיך גיפארכטין אז גאט זאל דיך אויך איבר זיי ניט שטראפין ווארום ווייא איז צום רשע אונ ווייא איז צוא זיין שכן דרום וואלשטו פון מיר אנטלאפין גיווארין אזו וויא איינער פון דיא משוררים האט גיזאגט חטאי לו יריחון בם שכני ווען מיינע שכנים זאלין שמעקין מיינע זינד כלומר ווען זייא זאלין פון זייא ווישין אזי ברחו ורחקו מן גבולי וואלטין זייא פון מיר אנטלאפין גיווארין אונ וואלטין זיך דער ווייטערט פון

מיין

שהצילני הבורא מעשות מה שתלית בי אצל רוב הטובות אשר גמלני אך התימה סתרו עלי במה שהוא יותר מגונה וגדול מאוד ממה שספרת עלי הרף אחי וחמול על זכיותיך שלא תאבדנה ממך ולא תרגיש כי כבר נאמר על אחד מן החסידים שזכרו אותו לרעה וכיון שהגיעו הדבר שלח למדבר בו כלי מלא מזמרת ארצו וכתב אליו הגיעני ששלחת לי מנחה מזכיותיך וגמלתיך בזה ואמר אחד מן החסידים הרבה בני אדם יבואו יום החשבון וכשמראים להם מעשיהם ימצאו בספר זכיותם זכיות

### מרפא לנפש

מה שספרו עליו שקר יאמר למספר כו' הרף אחי וחמול על זכיותיך כו' עד וע"ז הזהירנו הכתוב זכור את אשר וגו' למרים · עיין בס' זכירות פלי בזכירת מרים מה שהארכתי בענין זה ושם הבאתי לשון המגיד משרים שהופיע על הב"י ואמר לו בזה"ל כי מי שאומר לה"ר על חבירו מנכין לו מזכיותיו ונותנים לזה שדבר בו כו' הוא אמת ויציב ואילו הויא ידעי בני נשא דא הוו חדאין כד שמעין דאמרי ביש מנהון כאילו יהבי לון מתנת כסף או זהב אלא בגין יקרא דאורייתא דילך דזלזלו אחזי לכ"א קטירי דיקומון בכון ואתה תעמוד מנגד ותחזי ותחדי אבל את לא תהרהר בהסיא ולא במלה אוחרא רק ביראת ה' כל היום וכל הלילה ובתורתו עכ"ל ועל פי זה נתבאר לי הפסוק לכו בנים וגו' מי האיש החפץ חיים ר"ל באיש צדיק משתעי קרא · החפץ חיים נצחיים בעוה"ב אוהב ימים לראות טוב בעמלו שעמל תחת השמש באותן ימים שעשה ופעל בהם מצות ומע"ט ורוצה לראות אותם ולהגות מהם בעוה"ב כמו שהאריכו בזוהר פ' ויחי הבאתי לשונו בסוף ההקדמה ע"ש שלא תאבדנה ואיש אחר יקחנה אזי זאת העצה נצור לשונך מרע וגו' ועל הסיפור שנותנים לזה המדבר לה"ר הזכות של חבירו יש רמז בזה בתהלים ז' בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל ר"ל מה שפעל וחפר הוא יפול בו ועוד ישוב עמלו מה שעמל זה המדבר מצות ומע"ט ישוב בראשו של זה שדבר עליו ועל קדקדו של זה המדבר חמסו של נדבר יורד במקומו כנ"ל ואפשר לומר שהוא מדה כנגד מדה כמו שהוא רוצה למעט כבודו או להזיק או בשאר דברים אשר על כן מספר עליו לה"ר כן יתמעטו זכיותיו בעוה"ב וינתן לזה ועל שעבר על לאו לא תשא שמע שוא שעל לה"ר נאמר וכן ארור מכה רעהו בסתר עונשו לנפול בגיהנם של חלקו זה שדבר בו וכנ"ל וע"ז הזהירנו הכתוב באומרו זכור וגו' כבר כתבתי שם בס"ז פלי שהוא מ"ע לזכור פסוק זה

מיין גבול כדי זיי זאלין דורך מיר אויך ניט גישטראפט ווערין ואם מה שספרו עליו שקר אויב דיא זינד וואש מען דער ציילט אויף אים זיינען פאלש יאמר למספר זאל ער זאגין צו דעם וואש דער ציילט די זינד אויף אים אין מן התימה דאש איז קיין וואונדער ניט מה שהצילני הבורא מעשות מה שתלית בי וואש דער בשעפער האט מיך מציל גיוועזן פון צו טאן די עבירות וואש דוא האשט אן גיהאנגען אין מיר אז איך האב זיי גיטאן אצל רוב הטובות אשר גמלני קעגין דיא פיל טובות וואש ער האט מיר גיטאן כלומר וואש גאט האט מיר אזוא אטובה גיטאן וואש ער האט מיך אפ גיהיט פון דער עבירה וואש דוא זאגשט אויף מיר איז דאש קיין חידוש ניט ווארום ער האט מיר גיטאן נאך פיל גרעשערי טובות אך התימה סתרו על במה שהוא יותר מגונה נאר דאש איז איין וואונדער וואש ער האט פאר בארגין אויף מיר נאך פיל ערגערי עבירות וואש איך האב גיטאן וגדול מאוד אונ זייער גרעשערע ממה שספרת עלי פון דיא עבירות וואש דוא דער ציילסט אויף מיר הרף אחי לאז אפ מיין ברודר כלומר רייד מער אויף מיר ניט וחמול על זכיותיך אונ דער בארעם זיך איבר דיינע זכיות שלא תאבדנה זייא זאלין פון דיר ניט פאר לארין ווערין ולא תרגיש אונ דו וועשט ניט פילין כי כבר נאמר ווארום עש איז שוין לאנג גיזאגט גיווארין על אחד מן החסידים שזכרו אותו לרעה אויף איינעם פון דיא חסידים וואש מען האט אים דער מאנט אויף בייז כלומר איינר האט אויף אים גירעט וכיון שהגיעו הדבר אונ אז דיא זאך איז אן גיקומען צום חסיד שלח למדבר בו כלי מלא מזמרת ארצו האט ער גישיקט צוא דעם וואש האט אויף אים גירעט איין פולע כלי מיט דיא בעשטע פירות פון זיין לאנד וכתב אליו אונ האט גישריבין צוא אים הגיעני ששלחת לי מנחה מזכיותך עש איז מיר אן גיקומען דיא מתנה וואש דוא האשט מיר גישיקט פון דיינע זכיות וגמלתיך בזה אונ איך באצאל דיר דער מיט ואמר אחד מן החסידים אונ איינער פון דיא חסידים האט גיזאגט הרבה בני אדם יבואו יום החשבון עש טרעפט זיך אפט דאש פיל לייט ווען זייא קומען פאר דעם יום הדין זייא זאלין חשבון געבין פון זייערע מעשים וכשמראים להם

מעשיהם

שלא עשו אותם ויאמרו לא עשינו אותם ויאמר להם עשה אותם אשר דבר בכם
וספר בגנותכם וכן כשיחסרו מספר זכיות המספרים בגנותם יבקשו אותו בעת ההיא
ויאמר להם אבדו מכם בעת שדברתם בפלוני ופלוני וכן יש מהם גם כן שימצאו
בספר חובותם חובות שלא עשו וכשאומרים לא עשינום יאמר להם נוספו עליכם
בעבור פלוני ופלוני שדברתם בם כמו שנאמר (תהלים סט) והשב לשכנינו שבעתים
אל חיקם חרפתם אשר חרפוך ה׳ · ועל זה הזהירנו הכתוב באמרו (דברים כד) זכור את
אשר עשה ה׳ אלהיך למרים בדרך · והרביעי כשייטיב לו האל בטובה גדולה ובחכמה
יתירה ותבונה רבה או עושר גדול או כבוד אצל המלכות והדומה לזה ממה שנהגו
בני אדם להתפאר בהם ולהתגאות בעבורם ונשאר על ענין שפלותו קודם לכן ולא
הוסיף אלא ענוה ושפלות לפני האלהים וכבוד וטובה לבני אדם כמו שאמר אברהם

מרפא לנפש

ג״כ בכל יום לדעת הרמב״ן ושאר פוסקים והשל״ה דרמ״ב וכן נראה דעת המחבר כאן וע״ש באורך :

שפלותו קודם לכן · ר״ל שנוהג עמם מנהגו בשפלות כמו שנהג קודם שעלה לגדולה · וי״ג שקודם לכן : ונשאר על ענין | אברהם

מעשיהם אונ אז מען ווייזט זייא זייערע מעשים ימצאו בספר זכיותם געפינען זיי אין דעם ספר
פון זייערע זכיות זכיות שלא עשו אותם אזעלכע זכיות וואש זיי האבין זיי ניט געטאן ויאמרו
לא עשינו אותם זאגין זייא מיר האבין גאר די זכיות ניט געטאן ויאמר להם זאגט מען צוא זיי
עשה אותם אשר דבר בכם וספר בגנותכם דיא זכיות האט געטאן אנאנדערער דער וואש האט
פון אייך בייז גירעט אונ האט דער ציילט פון אייער חרפה זיינען דיא זכיות אייך צוא
גירעכינט געווארין וכן כשיחסרו מספר זכיות המספרים בגנותם אונ אזו אויך אז עש ווערט גמינערט
דיא צאל פון די זכיות פון דיא וואש האבין גירעט פון זייער שאנד יבקשו אותו בעת ההיא
זוכין זייא דיא זכיות אין דער וועלטיגער צייט אז זייא קומען אפ געבין חשבון אונ זאגין
מיר האבין דאך געטאן די אונ די זכיות ויאמר להם זאגט מען צוא זייא אבדו מכם זייא זיינען
פון אייך פאר לארין געווארין בעת שדברתם בפלוני ופלוני אין דער צייט אז איר האט בייז גרעט
פון דעם אונ דעם מענטשין וכן יש מהם ג״כ שימצאנו בספר חובותם אונ אזו אויך איז פאר האנדן
אטייל וואש זיי געפינען אין דעם בוך פון זייערע זינד חובות שלא עשו זעלכע זינד וואש זייא
האבין גאר ניט געטאן וכשאומרים לא עשינום אונ אז זייא זאגין מיר האבין גאר דיא זינד ניט
געטאן יאמר להם זאגט מען צוא זיי נוספו עליכם בעבור פלוני ופלוני שדברתם בם דיא זינד זיינען
אייך צוא גירעכינט געווארין ווייל איר האט פון דעם אונ דעם בייז גירעט אזוא וויא עש
שטייט אין (תהלים) והשב לשכנינו שבעתים אל חיקם אונ קער אום דיא זינד פון דיא ישראל צוא
עובדי כוכבים זיבין מאל זיבין אזו פיל אין זייער שוים חרפתם אשר חרפוך איבר זייער לעסטרין
וואש זייא האבין דיך גאט גילעסטערט ועל זה הזהירנו הכתוב אונ דרויף האט אונז דער פסוק
מזהיר גיוועזן מען זאל ניט ריידין קיין לשון הרע אויף דעם אנדערין באמרו מיט דעם וואש
ער האט גיזאגט זכור את אשר עשה ה׳ אלהיך למרים בדרך גידיינק וואש גאט דיין גאט האט
געטאן צוא מרים אין דעם וועג ווייל זיא האט גירעט אויף משה דרום זאלט איר ניט ריידן
איינער אויף דעם אנדערין והרביעי אונ דאש פערטע איז כשייטיב לו האל בטובה גדולה ווען
גאט האט אים באגיטיגט מיט איין גרוישע טובה ובחכמה יתירה אונ מיט גרויש חכמה ותבונה
רבה אונ מיט פיל פאר שטאנד או עושר גדול אדר מיט גרויש עשירות או כבוד אצל המלכות
אדר מיט כבוד בייא דעם מלכות והדומה לזה אונ נאך אזו אגלייכינעש ממה שנהגו בני אדם
להתפאר בהם ולהתגאות בעבורם מיט דעם וואש לייט זיינען זיך נוהג דער מיט צוא ברימען אונ
בעל גאוה האלטין ונשאר על ענין שפלותו קודם לכן אונ ער האלט זיך פארט אזוא נידעריג וויא

פריער

עת ששבחו הבורא ואמר (בראשית יח) המכסה אני מאברהם וגו' ואנכי עפר ואפר · ואמר משה (שמות יב) ונחנו מה ואמר דוד ע"ה (תהלים כז) ואנכי תולעת ולא איש אז יתברר מצפונו ותאמן כניעתו ואמר החכם בענין הזה (קהלת י) אם רוח המושל תעלה עליך וגו' · והחמישי כשהוא מוכיח את נפשו ונותן דין הבורא מעצמו אע"פי שאין יכולת לדון על זה והתברר כניעתו לאלחים ושפלותו ושחותו כמו שנאמר (עזרא י) אנחנו מעלנו באלהינו וגו' ונאמר (שם) ויתנו ידם להוציא נשיהם · ועם המאורעים האלה והדומים להם יתקיימו סימני הכניעה לאל יתעלה והשפלות מן הנכנעים ותראה אמונת לבבם בהם :

מרפא לנפש

אמר ואנכי עפר ואפר · ומשה ונחנו מה · ואמר דוד ע"ה ואנכי תולעת וגו' · כל אחד אמר לפי מדרגתו וקורבתו אל אלהים ומי שהוא קרוב יותר אל ה' הוא שפל בעיניו יותר ממי שאינו קרוב כל כך שסובר שיש בו אפס דבר ואיננו כלום אלא שקרוב יותר כך שמעתי : ותאמן כניעתו · ותהיה כניעתו אמת והתי"ו בציר"י : את נפשו · את עצמו : ונותן דין הבורא מעצמו ר"ל שהוא דן את עצמו כך כמו שראוי היה לבורא לחייבו ע"ז כן מצדיק עליו את הדין מעצמו קודם שבא עליו עונש הבורא ועי"ז הוא מתודה ומתחרט על מעשיו הרעים ושב מהם קודם בא עליו העונש כמו הכת הראשונה שזכר בשער התשובה פ"ו ע"ש : אף ע"פ שאין יכולת לדין ע"ז · כי מי יוכל ורואה לעונשו מה שהוא נסתר מנגד ב"א אע"פ כן יודע שאין שכחה לפניו ית' הוא נכנע ושב ורפא לו · כמו שנאמר ויען שכניה בן יחיאל מבני עילם ויאמר לעזרא אנחנו מעלנו באלהינו ונשב נשים נכריות מעמי הארץ ועתה יש מקוה לישראל על זאת ועתה וגו' :

פריער ולא הוסיף אלא ענוה ושפלות לפני האלהים אונ ער האט ניט גימערט דער מיט נאר ענוה אונ נידעריקייט זיך צו האלטין פאר גאט: כלומר דורך דער חכמה אדער דורך דעם עשירות האלט ער זיך נאך נידעריגער פאר גאט וכבוד וטובה לבני אדם אונ טוט נאך מער כבוד אונ גוטש צו לייט כמו שאמר אברהם כו' אזו וויא אברהם אבינו האט גיזאגט אין דער צייט אז דער באשעפער האט אים גילויבט ואמר המכסה אני מאברהם אונ האט גיזאגט וועל איך דען פאר הוילין פון אברהם וואש איך וועל טאן האט אברהם גיזאגט ואנכי עפר ואפר אונ איך בין ערד אונ אש אונ משה רבינו האט גיזאגט ונחנו מה אונ וואש זיינען מיר גאר כלומר מיר זיינען גירעכינט פאר גאר נישט אונ דוד המלך האט גיזאגט ואנכי תולעת ולא איש אונ איך בין איין ווארעם אונ ניט קיין מענטש ווענדער מענטש ווערט זיך אזו איין גלייכינעש האלטין אז יתברר מצפונו דענמאלט ווערט אויש גיקלערט זיינע באהאלטענע מחשבות ותאמן כניעתו אונ זיין כניעה וועט אמת זיין אונ דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין דעם ענין אם רוח המושל תעלה עליך ווען איין גימיט פון איין גיוועלטיגער קומט אויף דיר ער זאל דיך גרויש מאכען אונ דר הויבין פון דעשט וועגין זאלשטו דיין ערשט שפלות ניט אוועק ווארפין והחמישי אונ דש פינפטע איז כשהוא מוכיח את נפשו אז ער שטראפט זיך זעלבשט ונותן דין הבורא מעצמו אונ גיט ארויש אויף זיך זעלבערט וואש פר א משפט דר באשעפר דארף אים טאן אע"פ שאין יכולת לדין על זה האטשע ער האט דיא יכולת ניט דריבער צוא טאן דעם משפט כלומר ער זאגט אויף זיך אליין איך בין חייב סקילה האטשע ער האט ניט די יכולת עש זאל אזו זיין וויא ער משפט זיך (עיין בהג"ה) תתברר כניעתו לאלהים ווערט מען דאך גיוואר זיין אונטער טעניקייט צוא גאט ושפלותו ושחותו אונ זיין נידעריקייט אונ זיין איין גיבוגינקייט וואש ער איז פאר גאט אזו וויא עש שטייט אין (עזרא) אנחנו מעלנו באלהינו מיר האבין גיפעלשט קעגין גאט אונ נאך שטייט דארטין ויתנו ידם להוציא נשיהם אונ זייא האבין זיך באוויליגט אירע פרעמדע ווייבער צו פאר טרייבין ועם המאורעים האלה והדומים להם אונ דורך אזעלכע זאכין אונ נאך אזו אגלייכן יתקיימו סימני הכניעה לאל יתעלה קאן מען ווישין גיוויש דיא סמנים פון אונטער טעניקייט פאר גאט יתעלה והשפלות מן הנכנעים אונ דאש נידעריקייט קאן מען ווישין גיוויש פון דיא וואש זיינען זיך מכניע ותראה אמונת לבבם בהם אונ עש ווערט גיזעהן אין זיי דאש גלייבונג פון זייער הארץ :

אבל

פרק ח **אבל** אם הכניעה סמוכה למדות הטובות או המדות הטובות סמוכות לה · אומר בתשובת זה מן הידוע אצלנו כי תחלה מה שתתקיים בו העבודה לאלהים מן האדם הוא שיתנצל לו ממדת האדנות כי משער המצטרף אשר התחייב מציאות כל אחד במציאות האחר שהאדם איננו ראוי לשם עבד עד שיהיה לו אדון והאדון לא יהיה ראוי לשם הזה עד שיהיה לו עבד וכל אחד מהם בענין הקונה והקנוי איננה קודם את חבירו בשם ובערך · ולא תתקיים העבודה מן האדם לאלהים אלא עד שיקבל על עצמו כל מדות העבדות והן הכניעה והשפלות לפניו ושיתנצל לו מכל מדות האדנות שהן הגדולה והיקר והגובה והתפארת והגאון והדומה

## מרפא לנפש

אבל אם הכניעה סמוכה למדות הטובות · ר"ל מי נתלה כמי האם מחמת היה האדם שאר מדות הטובות יוכל לבא למדת הכניעה או לא שהכניעה הוא העיקר וע"י הכניעה יוכל לבא למדות הטובות : שיתנצל לו ממדת האדנות · כלומר כל זמן שלא פירש האדם ונאצל מאתו כל מדה ממדות האדנות והגאוה והגדולה אזי איך יוכל לעבוד את ה' מאחר שהוא גם כן אדון ואיננו ראוי לעבוד אחרים : כי משער המצטרף אשר כו' ר"ל כי זה הדבר שנתבאר הוא ממאמר המצטרף אחד מעשרה מאמרות שנתבארו בספרי ההגיון וכבר באורתיו בפ"ז משער היחוד ע"ש ופירוש שער המצטרף הוא : אשר תתחייב כל אחד במציאות האחר · כלומר אם נמצא דבר זה בשם זה דהיינו שנקרא זה בשם עבד בודאי יש לו אדון ואם נקרא אדון יש לו עבד וזה בלא זה א"א : וכל אחד מהם בענין הקונה והקנוי · אם זה נקרא קונה יש דבר שנקנה לו ואם הוא קנוי לאחד בודאי יש לו קונה ואדון · והשמות הללו מחייב הא' את חבירו בדבור

אבל אם הכניעה סמוכה למדות הטובות אבר אויב דיא אונטער טעניקייט איז נאהענט צוא דיא גוטע מדות או המדות הטובות סמוכות לה אדער דיא גוטע מדות זיינען נאהענט צוא איר כלומר אויב דיא מדות טובות זיינען דער עיקר אונ דיא כניעה איז איין טפל צוא זיי אדר אויב פאר קערט דיא כניעה איז דער עיקר אונ דיא איבעריגע גוטע מדות זיינען אטפל צוא איר אומר בתשובת זה וועל איך זאגן אתשובה דרויף מן הידוע אצלנו דאש איז ביא אונז גיוויש כי תחלה מה שתתקיים בו העבודה לאלהים אז דאש ערשטע איז ווען דער מענטש וויל רעכט דינען גאט הוא איז דאש שיתנצל לו ממדת האדנות אז ער זאל זיך אפ שיידין פון דער מדה פון הערשאפט כי משער המצטרף ווארום דאש ווערט גירעכינט פון דעם שער המצטרף אונ וואש מיינט מען שער המצטרף אשר תתחייב מציאות כל אחד במצואתו האחר דאש זיינן אזעלכע נעמען וואש עש קאן ניט גיפונען ווערין איין נאמען איך זאל ניט באדארפין מצרף זיין דער צוא נאך איין נאמען גלייך עש קען קיין נאמען פאטער ניט גירופין ווערין ביז ער האט איין קינד אונ פיל זאכין אזעלכע גלייכעניש וואש היינגט אן איינש אן דעם אנדערין אזו דא אויך אזוא שהאדם איננו ראוי לשם עבד אמענטש איז ניט ראוי ער זאל גירופין ווערין מיט דעם נאמען קנעכט עד שיהיה לו אדון ביז ער האט איין האר והאדון לא יהיה ראוי לשם הזה אונ דער האר איז ניט ראוי אן גירופין צוא ווערין מיט דעם נאמען האר עד שיהיה לו עבד ביז ער האט אקנעכט וכל אחד מהם בענין הקונה והקנוי אונ איטליכער פון זייא סאיי דער האר וואש ער קויפט אונ סייא דער קנעכט וואש ער ווערט פאר קויפט איננו קודם את חבירו בשם ובערך איז איינר פאר דעם אנדערין ניט פריער אין דעם נאמען אונ אין דעם שאצונג כלומר דער האר קריגט ניט פריער זיין נאמען האר איידער דער קנעכט קריגט דעם נאמן קנעכט נאר זייא קריגין זייערע נעמען ביידע גלייך אין איין צייט אונ אין איין רגעולא תתקיים העבודה מן האדם לאלהים דרום קאן ניט מקוים ווערין פון דעם מענטשין קיין שום דינסט צוא גאט אלא עד שיקבל על עצמו כל מדות העבדות ביז ער מוז אויף זיך נעמען אלע מדות פון דינען אונ דאש זיינען דיא מדות הכניעה והשפלות לפניו ער זאל זיך אונטער טעניג אונ נידעריג האלטן פאר גאט ויתנצל מכל מדות הארכות אונ ער זאל זיך אפ שיידין פון אלע מדות פון הערשאפט שהן וואש זייא זיינען הגדולה והיקר והגובה והתפארת והגאון דאש גרוישקייט אונ חשיבות אונ הויך האלטין זיך אונ

זיך

לזה ׳ ואמר אחד מן החכמים הגדולה מעטה הבורא ומי שרוצה להכנס עליו במעטהו יהדפנו ואמר דוד (תהלים צג) ה׳ מלך גאות לבש ואין מדה טובה למאמין עד שיפרע החובה כמו שאמר הכתוב (שמואל א טו) הנה שמוע מזבח טוב ולא תתקיים לו הטובה עד שיקבל עליו עבודות הבורא ויודה לו בכל מדות העבדות ולא תתכן ממנו העבדות אלא באומן כניעתו לאלהים ושפלותו ושחותו לפניו כאשר הקדמנו וזה מחייב שתהיינה כל המדות הטובות והחובות סמוכות לכניעות והיא ראש ותחלה להן והדין נותן בעבור שלא תתכן מדה טובה למי שלבו ריק מהכניעה לאלהים ויש בלבבו מאומה מן הגאוה והגדולה וכן ראש התשובה השפלות והשחות והכניעה כמו שאמר

מרפא לנפש

א׳ ולכך נקרא מרע״ה עבד ה׳ בעבור שהיה עניו מאוד מכל ב״א: הגדולה מעטה הבורא׳ ר״ל לבוש הגדולה ומעטהו ל׳ עוטה אור כשלמה כי כל העולמות והבחינות ממעלה למטה הם הכל לבושים לא״ס ית׳ והמה תהלתו וגדולתו ע״כ ראוי לכנותו בשם זה ה׳ מלך גאות לבש והדברים עתיקין ע״כ אין ראוי לאדם ללבוש בלבוש קונו ית׳ ויתעלה: ואין מדה טובה למאמין עד שיפרע החובה׳ חייב האדם לפרוע העיקר והחיוב לקיים כל מצות ה׳ ואחר כך יוכל להוסיף מנדבות לבו לעשות משמרת למשמרתו כמ״ש לעיל אין התורה מתקבלת עד שתפרע החובה ע״ש הנה שמוע למצות ה׳ טוב יותר מלהקריב זבחי נדבה: ולא תתקיים לו הטובה׳ מדה טובה שזכר או שנ״ל ולא תתקיים החובה: אלא באומן כניעתו׳ ר״ל כשיאמין ויתאמת היטב שהוא נכנע או יוכל לעבוד את ה׳: וזה מחייב׳ ר״ל ומזה מוכח שתהיינה כו׳ וז״ל שערי קדושה הע״פ שהיראה כתיב בה הן יראת ה׳ היא חכמה וכתיב יראת ה׳ היא אוצרו אחז״ל כי היא עקב אל הענוה כמ״ש עקב ענוה יראת ה׳ עכ״ל כמ״ש ויבקשו פני וישובו מדרכיהם הרעים אני אשמע מן השמים ואסלח

זיך בארימען אונ בעל גאוה האלטין אונ נאך אזו אנגלייבענעש מוז ער זיך דער פון אלץ אפ שיידין נמצא איז שוין גידרונגען אז דיא כניעה איז פריער אונ דער עיקר פון אלע מעשים טובים ווארום וויא באלד ער איז ניט אונטר טעניג צו גאט איז ער אים דאך קיין קנעכט ניט איז דאך שוין גאט אים קיין האר ניט דינט ער דאך אים גאר ניט אונ אזו וויא דער מחבר וועט נאך ווייטער מפורש זיין ואמר אחד מן החכמים אונ איינער פון דיא חכמים האט גיזאגט הגדולה מעטה הבורא דאש גרוישקייט איז דאש קלייד פון דעם בשעפר ומי שרוצה להכנס עליו במעטהו אונ ווער עש וויל אריין גיין צו אים מיט זיין קליידונג יהדפנו דעם וועט גאט פאר שטויסין אונ דוד המלך האט גיזאגט יי מלך גאות לבש גאט איז איין קיניג ער איז בקלייד מיט הערשאפט ואין מדה טובה למאמין אונ עש איז ניט פאר האנדין קיין גוטע מדה צוא דעם וואש גלייבט אן גאט עד שיפרע החובה ביז וואנען ער בצאלט דאש שולדיקייט וואש גאט האט אים גבאטין אזו וויא עש שטייט אין (שמואל) הנה שמוע מזבח טוב ווען מען פאלגט גאט איז בעסר אז איין קרבן ולא תתקיים לו הטובה אונ עש קאן בייא אים קיין בשטאנד ניט האבין אין הארצין אז ער זאל דאש טאן וואש ער איז שולדיג צו טאן צו דעם בשעפר עד שיקבל עליו עבודת הבורא ביז ער מוז אויף זיך מקבל זיין דיא דינשט פון דעם בשעפר ויודה לו בכל מדות העבדות אונ זאל אים לויבין מיט אלע מדות פון דינשט ולא תתכן ממנו העבדות אונ עש קאן פון אים ניט רעכט זיין דאש דינסט כלומר ער קאן גאט רעכט ניט דינן אלא באומן כניעתו לאלהים נייערט מיט איין ווארהאפטיגע אונטר טעניקייט צו גאט כלומר נאר אז ער וועט באמת אונטר טעניג זיין צו גאט ושפלתו ושחותו לפניו אונ מיט נדעריקייט אונ איין גבוגינקייט פאר אים כאשר הקדמנו אזו וויא מיר האבין אובין גזאגט וזה מחייב שתהיינה כל המדות הטובות והחובות אונ דרויש ווערט באוויזן אז אלע גוטע מדות אונ וואש מען איז שולדיג צוא טאן סמוכות לכניעות זיינן אלץ נאהנט צוא דער כניעה כלומר עש היינגט אלץ אין דער כניעה והוא ראש ותחלה להן אונ דיא כניעה איז דאש בעשטע אונ זיא מוז צום ערשטין זיין פון אלע גוטע מדות והדין נותן בעבור זה אונ דרום ברייננט דאש דער שכל מיט שלא יתכן מדה טובה אז עש קאן ניט זיין קיין גוטע מדה למי שלבו ריק מהכניעה לאלהים צו דעם וואש זיין הארץ איז ליידיג פון אונטר טעניקייט צו גאט ויש בלבבו מאומה מן הגאות והגדולה אונ האט אין זיין הארץ עפעש גאוה אונ גרוישקייט דער קאן אין זיך קיין שום גוטע מדה ניט

הכתוב (ד"ה ב ז) ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם ויתפללו ויבקשו פני וגו' ואמר (שם יב) נכנעו לא אשחיתם :

פרק ט **אבל** אם יתכן להתקבץ בלב המאמין הכניעה והגאוה אם לא· אומר בתשובת זה כי הגאוה מתחלקת לשני חלקים אחד מהם גאות האדם בגופו ובעניני גופו ותקוניו הגופיים והחלק השני גאותו במעלותיו הרוחניות בחכמה והמעשה הטוב בעבור עבודת הבורא וכל גאוה שתהיה מחמת הגופיים היא מרחקת הכניעה מן הלב ומן הנמנע התקבצם בלב אחד בעבור הרחקת כל אחד מהם את חבירו כי כאשר יתגאה האדם בדבר מדברי העולם אין מביאו לזה אלא בזות את בעל הטובה ומעוטה אצלו ומעוט ידיעתו במהירות הסרתה ממנו ונסיעתה מאצלו ויחשוב כי הוא

מרפא לנפש

למעלתם וגו' : נכנעו לא אשחיתם · בדה"י כתוב כשעלה עליו שישק מלך מצרים : אבל גאות האדם בגופו · כגון שהגאה בעל קומה ויפה תואר ויפה מראה · ובעניני גופו כגון בשערותיו הנאות ומלבושיו הנאים : ותיקוניו הגופיים · כגון הנכסים ומיני השומר אשר לפי האדם לצרכיו הגופיים · למ"ס : ואמר

האבן וכן ראש התשובה אונ אזו אויך דאש ערשטע פון תשובה איז השפלות והשחות והכניעה דאש גידריקייט אונ איין גבוגנקייט אונ אונטר טעניקייט אזו וויא עש שטייט אין (דברי הימים) ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם אונ זייא זיינן אונטר טעניג גווארין מיין פאלק וואש מיין נאמן ווערט אויף זייא גירופן שטייט ווייטר וועל איך הערין פון דעם הימל זייער גבעט אונ וועל פאר געבן זייערע זינד אונ נאך שטייט דארטין נכנעו זייא זיינן אונטר טעניג גווארן לא אשחיתם דרום וועל איך זייא ניט פאר דארבין :

אבל אם יתכן להתקבץ בלב המאמין אבר אויב עש קאן אין דעם הארץ וואש גלייבט אין גאט זיך איין זאמקן הכניעה והגאוה אם לא אונטר טעניקייט אונ גאוה בנאנד אונ אויב ניין אומר בתשובת זה וועל איך דרויף אזו איין ענטפר זאגן כי הגאוה מתחלקת לשני חלקים אז די גאוה ווערט גטיילט אויף צווייא חלקים אחד מהם גאות האדם בגופו איינש פון דיא צווייא חלקים איז דאש וואש דער מענטש האלט זיך בעל גאוה מיט זיין גוף דהיינו ווייל ער איז זייער אשיינער מענטש ובעניני גופו אונ מיט דיא זאכין וואש גיהערין צו זיין לייב דהיינו ער האט שיינע האר אונ האט שיינע קליידר אדר ער קאן שיין זינגן ותקוניו הגופיים אונ מיט זיין ליבליכע צו בריטונג דהיינו ער האט פיל דירות אונ עשירות והחלק השני אונ דאש אנדרע חלק איז גאותו במעלותיו הרוחניות ווען איינר האלט זיך בעל גאוה פון וועגין זעלכע מעלות וואש גהערין צו דער נשמה בחכמה והמעשה הטוב דהיינו מיט זיין חכמה אונ מיט זיינע גוטע מעשים וואש ער טוט בעבור עבודת הבורא פון דעם בשעפערש דינסט וועגין וכל גאוה שתהיה מחמת הגופיים אונ אלע גאוות וואש קומט דורך די זאכין פון דעם גוף היא מרחקת הכניעה מן הלב דאש דר ווייטרט דאש אונטר טעניקייט פון דעם הארץ ומן הנמנע הקבצם בלב אחד אונ עש איז ניט מגליך איין צו זאמלען אין הארצין דיא כניעה אין דיא גאוה אין איינם בעבור הרחקת כל אחד מהם את חבירו ווייל איינש דאש אנדרע פאר טרייבט כי כאשר יתגאה האדם ווארום אז אמענטש האלט זיך בעל גאוה בדבר מדברי העולם מיט אזוא אזאך וואש איז פון דיא וועלטליכע זאכין אין מביאו לזה דאש ברייננט אים דער צו אנדרש ניט אלא בזות את בעל הטובה גאר ווייל ער איז מבזה דעם וואש האט גוטש גטאן ומעוטה אצלו אונ דיא טובה איז בייא אים ווייניג אונ קליין ומיעוט ידיעתו במהירות הסרתה ממנו אונ ער פאר שטייט דרינן ווייניג אז דיא טובה וועט פון אים גיך אפ גיטאן ווערן ונסיעתה מאצלו אונ אז זיא וועט אוועק ציהען פון אים כלומר ער דער קאנט ניט אונ ווייסט ניט דעם אמת אז עש איז מיגליך אז דיא טובה זאל זיך גיך אפ טאן פון אים ויחשוב כי הוא המטיב בה לעצמו אונ ער טוט מיינן אז ער האט זיך זעלבשט

דאש

המטיב בה לעצמו והקונה אותו בכחו ובחכמתו כמ"ש סנחריב (ישעיה י) בכח ידי עשיתי ואמר נבוכד נצר (דניאל ד) הלא דא היא בבל רבתא ואמר פרעה (יחזקאל כט) לי יאורי וגו' וכבר ידעת מה שהיה תכף למאמרם מהריסת מלכותם והשחתת ממשלתם אך הגאוה שבמעלות הרוחניות מתחלקות לשני חלקים אחד מהם מגונה והשני משובח המגונה שיתגאה האדם בחכמתו והצדיק במעשהו וגורם זה שירבה בעיניו ויספיק אצלו מה שקדם לו מהם ולחשוב שדי לו במה שיצא לו מן השם הטוב והשבח אצל בני אדם ולבזות בני אדם ולגעול אותם ולספר בגנותם ולהיות חכמי דורו וגדוליהם פחותים בעיניו ולהתפאר בקצור חבריו וסכלותם וזה הוא הנקרא אצל רז"ל מתכבד בקלון חבירו ובזה לא יהיה נכנע ולא עניו והמשובח כשמתגאה החכם בחכמתו והצדיק במעשהו לגודל טובת הבורא עליו בהם ושמחה בעבורם וגורם לו להוסיף

## מרפא לנפש

נבוכדנצר הלא דא היא בבל רבתא: די אנא בנייתה לבית מלכו בתקוף חסני וליקר הדרי: ואמר פרעה לי יאורי ואני עשיתני: בקלון חברו · ואמרו הז"ל המתכבד בקלון חבירו אין לו חל"ס: משפיל עצמו למי שמקוה תוספת על ידו · שיוכל להוסיף בעבודת ה' ע"י האיש ההוא הן שלומד עמו או שמחזיק בידיו שיוכל לעבוד את ה'

דאש גוטש גטאן והקונה אותו בכחו ובחכמתו אונ ער האט עש גקריגן דורך זיין כח אונ זיין חכמה דרום וייל ער מיינט אזו בדארף ער דאך צו קיינם ניט זיין אונטער טעניג דרום קאנן דיא ביידע אין איינעם ניט זיין אזו וויא סנחרב האט גיזאגט בכח ידי עשיתי דען מיט די קראפט פון מיין האנט האב איך עש גיטאן אונ נבוכדנצר האט גיזאגט הלא דא היא בבל רבתא פאר וואר דאש איז דיא גרוישע שטאט בבל וואש איך האב איר גיבויאט מיט מיין קראפט אונ פרעה האט גיזאגט לי יאורי דר טייך נילוס איז מיין וכבר ידעת אונ דו ווייסט דאך שוין לאנג מה שהיה תיכף למאמרם וואש עש איז גיוועזן באלד נאך דעם אז זייא האבין דאש גיזאגט מהריסת מלכותם וויא זייער מלכות איז צו פירט אונ פאר שטערט גיווארין והשחתת ממשלתם אונ זייער גיוועלטיקייט איז פאר דארבין גיווארין אך הגאוה שבמעלות הרוחניות אבר די גאוה וואש איינר האט איבר דיא מעלות וואש גיהער צו דר נשמה מתחלקת לשני חלקים ווערט גיטיילט אויף צווייא חלקים אחד מהם מגונה איין חלק פון די צווייא איז שלעכט והשני משובח אונ דאש אנדרע איז גוט המגונה דאש שלעכטע איז שיתגאה האדם בחכמתו אז דער מענטש זאל זיך בעל גאוה האלטן מיט זיין חכמה והצדיק במעשהו אונ דער צדיק זאל זיך בגאוות האלטין מיט זיינע מעשים דאש איז שלעכט וגורם זה אונ דאש איז אים נאך גורם שירבה בעיניו אז ער מיינט ער האט שוין זייער פיל מעשים טובים גיטאן ויספיק אצלו מה שקדם לו מהם אונ עש ועט פאר אים גינוג זיין וואש ער האט שוין גיטאן פון דיא מעשים טובים ולחשוב שדי לו במה שיצא לו מן השם הטוב והשבח אצל בני אדם אונ ער זאל טראכטין אז ער האט גינוג אויש גריכט דער מיט וואש ער האט גיקריגין בייא לייט אגוטין שם אז ער איז אחכם אונ איין שבח אז ער איז אצדיק אונ דורך דעם וועט ער קומען ולבזות בני אדם צו מבזה זיין די לייט ולגעול אותם אונ צו פאר מיאוסן זייא ולספר בגנותם אונ צו דער צייליו פון זייער שאנד אונ עש וועט אים נאך גורם זיין ולהיות חכמי דורו וגדוליהם פחותים בעיניו אז דיא חכמים פון זיין דור אונ דיא גרעשטע חשובים זאלין נידריג זיין אין זיינע אויגין ולהתפאר בקצור חביריו וסכלותם אונ זיך צו בארימן מיט דעם וואש זיינע חברים קירצין אונ זיינען נאריש אין גאטש דינשט וזה הוא הנקרא אצל רז"ל אונ דר ווערט בייא די חכמים ז"ל גירופין מתכבד בקלון חבירו ער מאכט זיך גיהערליכט מיט די שאנד פון זיין חבר ובזה אונ דער וואש טוט אזו לא יהיה נכנע דער קען ניט אונטער טעניג זיין ולא עניו אונ ניט קיין עניו זיין והמשובח אונ דאש גוטע איז כשמתגאה החכם בחכמתו אז דער חכם האלט זיך גרויש מיט זיין חכמה והצדיק במעשהו אונ דער צדיק מיט זיינע מעשים הודאה לגודל טובת

ולהשתדל בהם ולהכנע לקרוביו ולשמח בחביריו ולחוס על כבודם ולכסות סכלותם ולדבר בשבחם ולאהוב אותם ולהליץ בעדם ולהזהר בכבודם וימעטו בעיניו כל מעשיו הטובים · תמיד טורח להרבות מהם · נכנע בעבור חלישותו מהשיג מאוייו בהם· משפיל עצמו לאי שמקוה תוספות על ידיו · מודה לאלהים על מה שחננו מן המעלות ומשבח אותו על אשר הפיקו לקנות החמודות וזאת הגאוה אינה מזקת לכניעה ולא מרחקת אותה ובכמוה אמר הכתוב (דברי הימים ב׳ יז) ויגבה לבו בדרכי ה׳ אך היא מסייעת אותה ומוסיפה בה כמ"ש (משלי כב) עקב ענוה יראת ה׳ :

מרפא לנפש

בלי דאגה:אך היא מס ייעת כו׳ · ר"ל ע"י יראת ה׳ בא לידי ענוה אמיתית פ"ל : עקב ענות׳ בשביל הענוה באה יראת ה׳:

הבורא עליו בהם דאש ער לויבט צום בשעפר פאר דעם גרוישין גוטש וואש ער האט אים אין דעם גיטאן כלומר וויל ער ווייסט אז ער איז אגרוישר חכם אונ אצדיק לויבט ער דער פאר דעם בשעפער וואש ער האט אים ניגעבין דיא חכמה ושמחה בעבורם אונ דורך דער חכמה מיט זיינע מעשים טובים האט ער שמחה וגורם לו להוסיף ולהשתדל בהם אונ דאש איז אים גורם אז ער זאל נאך מערין אונ פלייסין זיך צו טאן נאך מעשים טובים ולהכניע לקרוביו אונ צו זיין אונטער טעניג צו זיינע קרובים ולשמות בחביריו אונ זיך צו פרייען מיט זיינע חברים ולחוס על כבודם אונ חס צו האבין אויף זייער כבוד ולכסות סכלותם אונ צוא בדעקין זייער נארישקייט ולדבר בשבחם אונ צו ריידין פון זייער שבח ולאהוב אותם אונ ליב צוא האבין זייא ולהליץ בעדם אונ פאר זייא אמליץ זיין כלומר ווען איינר רעט עפיס אויף זיי אז זיי האבין גיטאן אשלעכטע זאך וועט ער זייא פאר ענטפרין וויא ווייט ער וועט קאנן ולהזהר בכבודם אונ נזהר זיין אין זייער כבוד וימעטו בעיניו כל מעשיו הטובים אונ אלע זיינע גוטע מעשים וואש ער האט גיטאן וועלין בייא אים אלץ נאך ווייניג זיין תמיד טורח להרבות מהם אונ ער במיאט זיך אלע צייט ער זאל נאך מער מעשים טובים טאן נכנע ער ווערט אונטר טעניג בעבור חלישותו מהשיג מאוויו בהם ווייל ער איז דרינן שלאף כלומר ער האט קיין יכולת ניט צו טאן דיא מעשים טובים וועדליג וויא ער וואלט גערין משפיל עצמו למי שמקוה תוספות על ידיו ער האלט זיך נידריג קעגין אזעלכין וואש ער האפט אז דורך אים וועט ער קאנן קומן מער צו גאטש דינשט דהיינו אז יענער לערינט מיט אים אונ ווייזט אים דעם גוטין וועג אדר ער האלט אים אויש מיט פרנסה אונ דורך דעם קאן ער בעסער גאט דינן מודה לאלהים דאנקט ער צוא גאט על מה שחננו מן המעלות פאר דעם וואש ער האט אים גיגעבין דיא מעלות ומשבח אותו אונ לויבט אים על אשר הפיקו לקנות החמודות ווייל ער האט אים גיהאלפין ער זאל קאנן אזעלכע גלוסטיגע זאכין אויש ציהן כלומר וואש ער האט גיקאנט טאן דיא גוטע מעשים דהיינו וואש ער האט אים גיגעבין הענט ער זאל מיט זייא קאנן טאן מצות אונ אויהרין ער זאל הערין תורה אונ אשכל ער זאל משיג זיין דיא תורה אונ נאך אזו אגלייכין וזאת הגאוה אונ אזו אגאוה אינה מזקת לכניעה דיא טוט ניט שאדין צו דעם אונטר טעניגקייט ולא מרחקת אותה אונ זיא דר ווייטערט ניט די כניעה ובכמוה אמר הכתוב אונ פון אזו אגלייכן האט גזאגט דער פסוק ויגבה לבו בדרכי ה׳ אונ ער האט דער הויבן זיין הארץ אין גאטש וועג אך היא מסייעת אותה נאר אדרבה דיא גאוה העלפט נאך צו דר כניעה ומוסיפה בה אונ מערט נאך דיא כניעה אזו וויא עש שטייט אין (משלי) עקב ענוה יראת ה׳ דר טריט פון ענוה איז גאטש פארכט כלומר דורך דער ענוה קאן מען קומען מען זאל זיך פארכטן פאר גאט אדר אזו איז דער פשט דורך דעם וואש איינר פארכט זיך פאר גאט מאכט עש אים טרעטן צוא דער ווארהאפטיגע ענוה אז ער זאל האבין באמת ענוה :

אבל

פרק י **אבל** תועלת הכניעה בעניני העולם הזה והעולם הבא הם ששה דברים · ג' מהם בעניני העוה"ז ושלשה מהם בעניני העוה"ב ואשר בעניני העוה"ז אחד מהם שישמח בחלקו כי מי שנכנסה בו הגאוה והגדולה אין העולם וכל אשר בו מספיק לו לכלכלתו לגובה לבו ובזותו מה שהגיע להלקו ממנו וכאשר יהיה נכנע אין לנפשו אצלו שום מעלה ומה שמזדמן לו מן העולם הוא מסתפק בו למזונותיו ולספקו וזה יביאהו למנוחת נפשו ומעוט פחדו · יאכל מה שיזדמן לו וילבש מה שימצא ויישן באשר ימצא והמעט מן העולם מספיק לו עם כניעתו והכת האחרת הפך זה ואם יגיעו למה שיגיעו אין מספיק להם והנאה כלו לא ימלא מחסורו עם גובה לבו וגאותו כמו שאמר החכם (משלי יג) צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר · והשני כי הנכנע

מרפא לנפש

והנאה כולו לא ימלא מחסורו · אפילו יש לו כל הנאות שבעולם הוא עדיין חסר ומתאוה ליותר ויותר · ו"ג והנאה כולו כו' : צדיק אוכל לשובע נפשו · ר"ל לקיום נפשו בלבד אפי' אוכל לחם צר ומים לחץ הוא שבע ומברך ע"ז את ה' : ובטן רשעים תחסר · כל מה שממלא בטנו מתענוגים מתאוה לאחרים שטובים מהם ואין לדבר

אבל תועלת הכניעה בעניני העוה"ז והעולם הבא אבער וואש דאש אונטר טעניקייט העלפט אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט הם ששה דברים דאש זיינן זעקס זאכין שלשה מהם בעניני העוה"ז דרייא גייען אן אין די זאכין פון דר וועלט ושלשה מהם בעניני העוה"ב אונ דרייא אין דיא זאכן פון עוה"ב ואשר בעניני העוה"ז אונ די זאכן וואש גייען אן אין דער וועלט אחד מהם איינש פון זייא איז שישמח בחלקו ער זאל זיך משמח זיין מיט זיין חלק וואש גאט האט אים גיגעבן כי מי שנכנסה בו הגאוה והגדולה ווארום אין דעם וואש גייט אריין דיא גאוה אונ דאש גרוישקייט אין העולם וכל אשר בו מספיק לו לכלכלתו דעם איז די וועלט מיט אלימן וואש דרינן איז ניט גינוג צו זיין שפייז לגובה לבו ווייל זיין הארץ איז הויך ובזותו מה שהגיע לחלקו ממנו אונ ער איז מבזה זיין חלק וואש ער האט גגרייכט פון דעם גוטש פון דער וועלט ווארום אים דאכט זיך ער גיהער נאך מער צו האבן וכאשר יהיה נכנע אבר ווען ער האלט זיך אונטר טעניג אין לנפשו אצלו שום מעלה דר האט ביי זיך זעלבשט קיין שום מעלה ניט ומה שמזדמן לו מן העולם הוא מסתפק בו אונ דאש וואש ער גניסט פון דר וועלט לאזט ער זיך דר מיט בנוגן למזונותיו ולספקו אויף זיין שפייז אונ אויף אנדרע בדערפניש וזה יביאהו למנוחת נפשו אונ דאש וועט אים ברייננן צו איין גירועט לייב ומעוט פחדו אונ צו ווייניג פארכט כלומר ער וועט זיך ניט פארכטן טאמר וועט ער אן ווערן דאש וואש ער האט ווארום וויפל עש וועט אים בלייבן איז אלץ פר אים גנוג יאכל מה שיזדמן לו ער וועט עסין וואש גאט וועט אים בשערן וילבש מה שימצא אונ ער וועט זיך קליידן מיט דעם וואש ער וועט קאנן קריגן ויישן באשר ימצא אונ וועט שלאפן וואו עש וועט זיך טרעפן והמעט מן העולם מספיק לו עם כניעתו אונ דאש ווייניגשטע וואש ער וועט האבן אין דעם עולם וועט פאר אים גינוג זיין ווייל ער וועט זיך נידריג האלטן והכת האחרת הפך זה אונ דיא אנדרע כיתה וואש האלטן זיך בעלי גאוה האבן גאר איין פר קערטע מדה דר פון אין זיך ואם יגיעו למה שיגיעו אין מספיק להם אונ ווען זיי וועלן גרייכן צו וואש זיי וועלן גרייכן איז פאר זיי אלץ ניט גנוג והנאה אונ דר בעל גאוה כלו לא ימלא מחסורו ווען ער זאל האבין וואש אין די גאנצע וועלט איז פאר האנדן ווערט אים ניט דר פילט זיין חסרון כלומר תמיד דאכט זיך אים עש גייט אים נאך אפ עם גובה לבו וגאותו ווייל ער איז זייער הויך הערציג אונ אבעל גאוה אזו וויא דר חכם שלמה המלך האט גזאגט צדיק אוכל לשובע נפשו דר צדיק עסט צוא זעטין זיין לייב ובטן רשעים תחסר אונ דר בויך פון די רשעים טוט תמיד אפ גיין כלומר זייא האבן קיין מאל ניט גנוג והשני אונ דאש אנדרע איז כי הנכנע סובל בעת ביאת הפגעים עליו ווארום דר וואש האלט זיך אונטר טעניג

סובל בעת ביאת הפגעים אליו והתהפכות הענינים עליו בעבור שפלותו ונמיכות רוחו׳ והגאה פחדו גדול וסבלו מעט בעת ביאת הפגעים עליו מפני גובה נפשו ורום לבבו ומעוט רצונו בעניניו כמו שנאמר במי שהיה על הדרך הזה (ישעיה יד) איך נפלת משמים הלל בן שחר וגו׳ · והשלישי כי הנכנע יהיה מוצא חן יותר בעיני בני אדם ואהוב להם וקרוב לדעתם ולהתנהג במנהגם וכבר נאמר על אחד מהמלכים שהיה ממהר בהליכתו כשהיה הולך ושאלו אותו על עילת הדבר ואמר לפי שהוא יותר רחוק מדרך הגאוה ויותר ממהר להשלמת החפץ · ושאלו אחד מן החכמים במה היית אדון לכל בני דורך · אמר מפני שלא פגעתי אחד מהם שלא ראיתי לו מעלה יתירה עלי כי אם היה יותר חכם ממני הייתי אומר הוא ירא אלהים יותר ממני ליתרון חכמתו

מרפא לנפש

סוף · י״מ בס׳ מ״מ פירוש פסוק זה עיין שם בארוך עוד כדמית לו לפילתו יותר עלומה כאילו נפל משמים הארץ · פירושים: איך נפלת משמים · לגובה נפשו ורום לבבו למ״ס: שהיה ממהר בהליכתו · שלא כדרך המלכים

דר לייד אין דער צייט אז עש קומט אויף אים עפיס בייזע בגעגניש והתהפכות הענינים עליו אונ אז זיינע זאכן ווערן אים פאר ענדרט בעבור שפלותו ונמיכת רוחו פון וועגן זיין נידריקייט אונ זיין נידריג גימיט כלומר ווייל ער האלט גאר פון זיך נישט זאגט ער מן הסתם בדארף זיך אים אזו פירן והגאה אבר דר בעל גאוה פחדו גדול איז זיין פארכט גרויש איידר די צרה קומט אויף אים אז ער פאר שטייט נאר אז עש איז גימאלט אז דיא צרה זאל אויף אים קומן האט ער אלין מורא טאמיר וועט זיא קומן וסבלו מעט בעת ביאת הפגעים עליו אונ אז די בייזע בגעגניש קומן שוין אויף אים קאן ער זיי ווייניג ליידן מפני גובה נפשו פון וועגן זיין הויך לייב ורום לבב אונ זיין דר הובין הארץ כלומר איבר זיין גדלות קאן ער זיי גאר ניט ליידן ומעוט רצונו בעניניו אונ זיין ווילן איז ווייניג מיט דעם פירונג וואש גאט האט אים צוא גשיקט כמו שאמר במי שהיה על הדרך הזה גלייך וויא עש איז גזאגט גיווארין אין (ישעיה) פון איינם וואש איז גוועזין אויף אזו אדרך וואש ער האט זיך גהאלטין בעל גאוה אונ איז זייער אראפ גיפאלן: פון זיין גוטש איך נפלת משמים הלל בן שחר וויא אזו בישטו אראפ גיפאלין: פון דעם הימל דוא ליכטיגר מארגן שטערן ווארום מחמת זיין גרוישקייט אונ זיין גאוה איז ביי אים גלייך גוועזן וויא ער איז אראפ גפאלן פון דעם הימל צו דר ערד והשלישי אונ דאש דריטע איז כי הנכנע ווארום דער וואש האלט זיך נידריג יהיה מוצא חן יותר בעיני בני אדם וועט ער מער חן גיפינן אין די אויגין פון לייט ואהוב להם אונ ער איז גליבט צו זייא וקרוב לדעתם אונ איז נאהינט צוא זייער דיעה ולהתנהג במנהגם אונ זיך נוהג צו זיין אזו וויא זיי זיינען זיך נוהג כלומר אזו וויא זייער דיעה איז אזו איז זיין דיעה אויך וכבר נאמר על אחד מהמלכים אונ עש איז שוין לאנג גזאגט גווארן אויף איינם פון די מלכים שהיה ממהר בהליכתו וואש ער פלעגט תמיד גיך צו גיין אונ ניט אזו וויא דר סדר פון דיא מלכים איז צו גיין פאוואלע צוא ווייזן זייער הערשאפט ושאלו אותו על עילת הדבר האבין זייא אים גפרעגט אויף דעם טעם פון דער זאך כלומר למאי טוט ער עש אזו אמר האט ער גענטפערט לפי שהוא יותר רחוק מדרך הגאוה ווייל ער איז גאנץ ווייט פון דער גאוה ויותר ממהר להשלמת החפץ אונ ער היילט זיך זייער צו גומר זיין די זאך וואש ער וויל זיא זאל נגמר ווערן דרום גייט ער גיך כדי ער זאל גיך קומן אויף דעם ארט וואו דיא זאך זאל נגמר ווערן ושאלו אחד מן החכמים אונ זיי האבן גיפרעגט צו איינם פון דיא חכמים במה היית אדון לכל בני דורך דורך וואש בישטו איין הער איבר אלע לייט פון דיין דור אמר האט ער גיענטפערט מפני שלא פגעתי אחד מהם ווייל איך האב ניט באגעגנט איינם פון זייא שלא ראיתי לו מעלה יתירה עלי וואש איך זאל אים ניט זעהן געבן אגרעשערע מעלה פון מיר כי אם היה יותר חכם ממני ווארום

על חכמתי ואם קטן ממני בחכמה אומר כי חשבונו יהיה קל מחשבוני ביום הדין מפני שאני עובר במזיד והוא עובר בשוגג ואם יהיה גדול ממני בימים אומר כי זכיותיו רבים מזכיותי מפני שקדמני לעולם ואם יהיה קטן ממני אומר כי עונותיו מעטים מעונותי ואם יהיה כמוני בימים ובחכמה אומר אולי לבו לאלהים טוב מלבי לפי שאני יודע במה שקדם לי מן העונות ואינני יודע מה שהיה ממנו ואם יהיה יותר עשיר ממני אומר כי מצאה ידו בעשרו לעבוד הבורא ולעשות צדקות ולהעניק לעניים יותר ממני ואם יהיה דל יותר ממני אומר כי הוא דכא ושפל רוח יותר ממני בעבור דלותו והוא טוב ממני ולא זזתי לכבדם כולם ולהכנע להם וכן אמרו רז"ל והוי דן את כל האדם

מרפא לנפש

וסריס שהולכין לאט להראות גדולתם : להשלמת החפץ · שתפציו ישלמו מהרה : לפיכך זכה קנה כו' · כלומר כדי

אז איך האב בגעגנט אזעלכין וואש ער איז מער חכם פר מיר הייתי אומר האב איך גיזאגט הוא ירא אלהים יותר ממני דער האט גוויש מער מורא פר גאט אז איך ליתרון חכמתו על חכמתי וייל ער האט מער חכמה פר מיר ואם קטן ממני בחכמה אונ אז עש איז גוועזן אזעלכר וואש ער איז ניט אזו אחכם ווי איך אומר האב איך גזאגט כי חשבונו יהיה קל מחשבוני אז זיין חשבון וואש ער וועט בדארפן אפ געבן צום יום הדין אויף זיינע עבירות וועט גרינגר זיין אז מיין חשבון וואש איך וועל בדארפן געבין אויף מיינע עבירות מפני שאני עובר במזיד וייל אז איך טוא איין עבירה ווערט עש גרעכנט פאר אמזיד ווייל איך וייש דאך אז מען טאר דאש ניט טאן והוא עובר בשוגג אונ ער איז עובר אום גערן ווייל ער ווייסט ניט אז מען טאר דאש ניט טאן ואם יהיה גדול ממני בימים אונ ווען ער איז עלטר פר מיר אומר האב איך גזאגט כי זכיותיו רבים מזכיותי אז זיינע זכיות זיינן מער פון מיינע מפני שקדמני לעולם ווייל ער איז פריער פון מיר גקומן אויף דר וועלט האט ער שוין מער זכיות גטאן פון מיר ואם יהיה קטן ממני אונ אז ער איז אינגר פון מיר אומר כי עונותיו מעטים מעונותי האב איך גיזאגט אז זיינע זינד זיינן ווייניגר פון מיינע ווארום איך בין עלטר האב איך שוין מער עבירות גטאן אז ער ואם יהיה כמוני בימים ובחכמה אונ אז ער איז מיט מיר גלייך גיוועזן אין יארן אונ אין חכמה כלומר אז ער איז מיט מיר אין איין עלטר אונ איז אזו אחכם ווי איך אומר האב איך גזאגט אולי לבו לאלהים טוב מלבי טאמר איז זיין הארץ בעסר צו גאט אז מיין הארץ לפי שאני יודע במה שקדם לי מן העונות ווארום איך וייש דאך וואש פר זינד איך האב ביז אהער גיטאן ואינני יודע מה שהיה ממנו אונ איך ווייש ניט וואש פון אים איז גוועזן ביז אהער טאמר האט ער ווייניגר גזינדיגט אז איך ואם יהיה יותר עשיר ממני אונ אז ער איז מער עושר פר מיר אומר כי מצאה ידו בעשרו לעבוד הבורא האב איך גזאגט אז דורך זיין עשירות האט ער מער מאכט גאט צו דינן ולעשות צדקות אונ צדקה צו געבן ולהעניק לעניים אונ צוא שפייזין ארומע לייט יותר ממני מער אז איך קאן דאש אלץ ואם יהיה דל יותר ממני אונ אז ער איז ארומר פר מיר אומר כי הוא דכא ושפל רוח יותר ממני האב איך גזאגט ער איז מער נידריג אונ צו שטויסן אז איך כלומר ער איז מער נכנע פון מיר בעבור דלותו פון וועגין זיין ארומקייט ווארום דער שטייגר איז איין ארום מאן איז איטליכר אנכנע אונ דרום והוא טוב יותר ממני איז ער בעשר פר מיר ולא זזתי אונ איך האב מיך דר פון ניט גרירט כלומר ער איז ביי מיר אנדרש ניט גוועזן נאר לכבדם כלם איך זאל זייאלע ערליך האלטן ולהכנע להם אונ זאל צו זייא אונטר טעניג זיין וכן אמרו רז"ל אונ אזו האבן אונזרע חכמים אויך גזאגט והוי דן את כל האדם לכף זכות אונ דו זאלשט דן זיין איטליכן מענטשין לכף זכות כלומר ווען איינר טוט עפעש אזאך וואש מען קאן דרינן זאגן ער האט גמיינט דר מיט שלעכטש אונ מען קאן ווידר

לכף זכות והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות ואמרו מאד מאד הוי שפל רוח ואמרו יהי אדם רך כקנה ואל יהי קשה כארז לפיכך זכה קנה לחתוך ממנו קולמוס לכתוב בו ס"ת תפילין ומזוזות· והרביעי שהוא בעניני העוה"ב כי הנכנע קרוב להשיג החכמה בהמשכו אחרי החכמים והכנעו להם והליכתו אליהם כמו שנאמר (משלי יג) הולך את חכמים יחכם ואמרו רז"ל יהי ביתך בית ועד לחכמים והוי מתאבק בעפר רגליהם והוי שותה בצמא את דבריהם· והאלהים יעזור לו על החכמה כמו שנאמר (תהלים כה) ידרך ענוים במשפט וילמד ענוים דרכו ומי שהוא גבה לב לא תתקיים בידו חכמה על אמיתה ולא יגיע אל תכלית ידיעה ברורה מפני שמתנשא מלכת אל אנשי החכמה והתורה כמו שנאמר (שם י) רשע כגובה אפו בל ידרוש וגו' והחמישי כי הנכנע ממהר

עס צוא גוטן אויש לייגן זאלשטו עס אויש לייגן צו גוטן והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות אונ זייא מקבל איטליכן מענטשן מיט אפרייליך פנים ואמרו אונ נאך האבן זייא גיזאגט מאוד מאוד הוי שפל רוח דו זאלשט זייער זיין נידריג צו איטליכן ואמרו אונ נאך האבן זיי גזאגט יהי אדם רך כקנה דער מענטש זאל זיין אזו ווייך וויא אשטעקיל וואש מען קאן עס בייגן ואל יהי קשה כארז אונ זאל ניט זיין הארט אזו וויא אטענין בוים לפיכך זכה קנה דרום האט דאש שטעקיל זוכה גיוועזן לחתוך ממנו קולמוס לכתוב בו ספר תורה מען זאל קענן דער פון איין פען מאכין צוא שרייבן איין ספר תורה אונ תפילין אונ מזוזות והרביעי אונ דאש פערטע איז שהוא בעניני העולם הבא וואש דיא כניעה נוצט אין דיא זאכין פון עולם הבא כי הנכנע קרוב להשיג החכמה ווארום דער וואש האלט זיך אונטער טעניג דער קאן גיך גרייכין צו דער חכמה פון דער תורה בהמשכו אחרי החכמים ווייל ער ציהט זיך נאך די חכמים כלומר ווייל זיין הארץ ציהט זיך נאך זייערע רייד נאך והכנעו להם אונ איז צו זייא אונטער טעניג והליכתו אליהם אונ ווייל ער גייט צוא זייא אזו וויא עס שטייט אין (משלי) הולך את חכמים דער וואש גייט מיט דיא חכמים יחכם ווערט קלוג ווארום ער לערנט זיך אפ פון זייא ואמרו רז"ל אונ אונזערע חכמים האבין גיזאגט יהי ביתך בית ועד לחכמים לאז זיין דיין הויז דאש ארט וואו דיא חכמים זאלן זיך איין זאמלין כלומר אז זייא ווילין זיך אמאל איין זאמלין בנאנד זאלשטו זעהן אז דיין הויז זאל דאש ארט זיין והוי מתאבק בעפר רגליהם אונ בשטוב דיך מיט דעם שטויב פון זייערי פים והוי שותה בצמא את דבריהם אונ טרינק מיט דארשט זייערי רייד כלומר אזו ווי איינר איז דארשטיג טרינקט ער דאך זייער גשמאק אזו זאלשטו זייערי רייד צו הערן והאלהים יעזור לו על החכמה אונ גאט וועט אים העלפן צוא דער חכמה כלומר אז ער וועט אזו טאן וויא פריער איז גישטאנען וועט אים שוין גאט העלפן אז ער זאל קאנן קומן צו דר תורה אזו וויא עס שטייט אין (תהלים) ידרך ענוים במשפט ער וועט די ענוים מאכן טרעטין אין דעם משפט וילמד ענוים דרכו אונ וועט די ענוים לערנן זיין וועג ומי שהוא גבה לב אבער דר וואש איז הויך הערציג כלומר דר וואש איז ביי זיך זייער גרויש לא תתקיים בידו חכמה על אמיתה קאן ביי אים די חכמה ניט האבן קיין רעכטן קיום ולא יגיע אל תכלית ידיעה ברורה אונ ער וועט ניט קאנן קומן צו איין רעכטן אונ איין קלארן פר שטאנד מפני שמתנשא מלכת אל אנשי החכמה והתורה ווארום ווייל ער האלט זיך חשוב פון צו גיין צו די קלוגע אונ גלערנטי לייט כלומר עס שטייט אים ניט אן צוא גיין צוא זייא אזוא ווי עס שטייט אין (תהלים) רשע כגובה אפו דר רשע מיט זיין הויך פנים כלומר מיט זיין גרויש גאוה בל ידרוש טוט ער ניט פארשטין כלומר אז ער ווייש ניט שטייט אים ניט אן צוא גיין פרעגן צוא איין חכם דרום קאן ער קיין רעכט אונ איין קלאר פאר שטאנד ניט האבין והחמישי אונ דאש פינפטי אי' כי הנכנע ווארום דער וואש האלט זיך אונטער טעניג ממהר למעשה העבודה דר היילט

למעשה העבודה בחריצות ובזריזות איננו מתגאה בהם ולא בוזה שום דבר מהם כמו שאמרו רז"ל הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה והמתגאה בעצמו מתאחר מעשות העבודה לרום לבבו ולגסות רוחו ואיננו מרגיש עד אשר יפול וישפל כמו שאמר (ירמיה יג) אמור למלך ולגבירה השפילו שבו ואמר (משלי ו) שש הנה שנא ה' ואמר (שם) עינים רמות וגו'· והששי כי מעשה הנכנע מקובל אצל האלהים כמו שנאמר (תהלים נא) זבחי אלהים רוח נשברה ועונו נמחל מהרה כשהוא שב ממנו כמ"ש (משלי כח) ומודה ועוזב ירוחם ונאמר (איוב כב) כי השפילו ותאמר גוה ושח עינים יושיע· ואלה עשרת שרשי הכניעה יתבאר לך מהם אחי שאר מעלות המדה החשובה הזאת העליונה הרמה אשר לא זכרתים בשער הזה וזכור מה שהעירותיך עליו מהם ושימנו נגד עיניך וחשוב בו תמיד והשתדל לקנותו ופקדהו עם נפשך ומדותיך תדיר והעזר באלהים עליו ושאל מרפא לנפש

לרמז שהכניעה שורש גדול לתורה והנוסף בה הטוב להש"י לכך כותבים בקנה ס"ת כו'· לש"ס (תענית פ"ג): אמור

זיך צו גאטש דינשט בחריצות מיט קלוגשאפט ובזריזות אונ גשווינדקייט איננו מתגאה בהם ער האלט זיך ניט בעל גאוה ווייל ער טוט די מצות ולא בוזה שום דבר מהם אונ איז ניט מבזה קיין שום זאך פון די מצות כלומר ער זאגט ניט דאש איז אקליינע מצוה איך וועל בעסער זוכין אגרעשערי נאר וואש פר אמצוה אים איז זיך מזדמן דאש טוט ער אזו וויא אונזרע חכמים האבן גיזאגט הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה זיי גיווארנט אין איין גרינגע מצוה אזו וויא אין איין שווערי והמתגאה בעצמו אבר דר וואש האלט זיך בעל גאוה מתאחר מעשות העבודה דר שפעטיגט זיך פון גאטש דינשט כלומר ער זאגט איך וועל בעשיר שפעטער אגרעשרי מצוה טאן אונ פאר וואש זאגט ער עש אזו לרום לבבו פון וועגן זיין דר הויבין הארץ ולגסות רוחו אונ ווייל ער איז אגרושר בעל גאוה שטייט אים ניט אן אקליני מצוה צוא טאן ואיננו מרגיש אונ ער טוט ניט פילן וויא דאש רעט אים אלץ דער יצר הרע אן עד אשר יפול וישפל ביז וואנען ער וועט פאלין אונ וועט נידריג ווערין אזו וויא עש שטייט אין (ירמיה) אמור למלך ולגבירה זאג צוא דעם מלך יכניה אונ צוא דער הארינטע זיין מוטר השפילו שבו זייט נידרין אייך אונ זיצט ווארום אייער הערשאפט איז גנידערט גווארן אונ אין (משלי) שטייט שש הנה שנא ה' דיא זעקס וואש ווייטר שטייען האט גאט פיינד זאגט ער דארטן ווייטער עינים רמות דער וואש האט הויכע אויגן כלומר דער וואש האלט זיך בעל גאוה אונ קוקט אלץ אויף גרעשרס והששי אונ דאש זעקשטי איז כי מעשה הנכנע מקובל אצל האלהים ווארום די מעשים טובים וואש דר נכנע טוט איז אן גנומן ביי גאט אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) זבחי אלהים דאש שעכטונג פר דעם לעבדיגין גאט איז רוח נשברה איין צו בראכין גמיט ועונו נמחל מהרה כשהוא שב ממנו אונ זיין זינד ווערן באלד פאר געבן אז ער טוט גאר תשובה דר פון אזו וויא עש שטייט אין (משלי) ומודה ועוזב ירוחם אונ דער וואש איז מתודה אונ פר לאזט זיינע זינד דער ווערט דר בארימט ואלה עשרת שרשי הכניעה אונ דאש וואש מיר האבן גישריבן אין דעם שער זיינען דיא צעהן שרשים פון כניעה יתבאר לך מהם אחי אונ פון זיי וועט דיר מיין ברודר אויש גיקלערט ווערן שאר מעלות המדה החשובה הזאת העליונה הרמה דיא איבריגי מעלות פון דיא דאזיגי חשובה אונ הויכי מדה פון כניעה אשר לא זכרתים בשער הזה וואש איך האב זיי ניט דר מאנט אין דעם שער זאגט דר מחבר וזכור מה שהעירותיך עליו מהם אונ גידיינק אין די זאכין וואש איך האב דיך אויף דעם דער וועקט אונ דער מאנט ושימנו נגד עיניך אונ שטעל די רייד קעגן דיינע אויגן וחשוב בו תמיד אונ טראכט תמיד דרינן והשתדל לקנותו אונ פלייס דיך דוא זאלשט עש קויפן כלומר דוא זאלשט קאנן קומן צוא דיא גוטע מדה פון אונטר טעניקייט ופקדהו עם נפשך ומדותיך תדיר אונ טראכט אונ זעה עש תמיד ביי דיר זעלבשט

אותו ממנו להתקרב אליו ולהגיע לרצונו אולי יישירך לו ויכין לך הדרך אליו כמו שמתפללים החסידים אחר תפלתם אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה ולמקללי נפשי תדום ונפשי כעפר לכל תהיה והזהר מהרהור לבך ופתויי היצר לך במה שיביאך אליו מהגובה והגאוה והגאון ובקשת השררה והגדולה והממשלה וכבר הזהיר אופני הדרך השוה לאדם בעולם באמרו (משלי ל) שתים שאלתי מאתך וגו׳ שוא ודבר כזב הרחק ממני ואמר (שם) פן אשבע וכחשתי וגו׳ ופן אורש וגנבתי הקיצה אחי ואל תתעלם לרפא מדוה הגאוה מנפשך וממדותיך ברפואות אשר הוריתיך ואל ימנעך מזה מה שתראה עליו המון בני אדם מהתעלם לרפא נפשותם מן המדוה ותאמר ימצאני

מרפא לנפש

למלך ולגבירה · יכויכון והמו : ואלה עשרת · ר״ל עשרה נעושר אל תתן לי הטריפני לחם חקי פן אשבע וגו׳ · פרקים שבשער הזה : שוא ודבר כזב הרחק ממני ריש ועי׳ בס׳ זכירות שלי מה שכתבתי על פסוק זה בשם המלבי״ם

אונ אין דייני איבריגע מדות אויב עש איז אין זיי פאר האנדין דאש אונטר טעניקייט כלומר דו בדארפשט זיך זעלבשט תמיד איבר קלערין אויב דוא האשט דיא מדה פון אונטר טעניקייט אונ אויב אין דייניע איבריגע מדות וואש דוא האשט איז פאר האנדן אין זייא דאש אונטער טעניקייט והעזר אונ ווער געהאלפין באלהים עליו מיט גאט אויף דעם כלומר נעם דיר גאט צו אהילף דר צו ושאל אותו ממנו אונ בעט דאש פון אים אונ דיין כוונה זאל זיין דר מיט להתקרב אליו ולהגיע לרצונו כדי דו זאלשט זיך צו אים מקרב זיין אונ צו גרייכין צו זיין ווילן אולי יישירך לו טאמר וועט ער דיין גיבעט צו הערן אונ וועט דיך פירן דר צו ויכין לו הדרך אליו אונ וועט דיר אן ריכטן דעם וועג דער צו כמו שמתפללים החסידים אחר תפלתם אזו וויא די פרומע לייט בעטן נאך זייער תפלה אלהי נצור לשוני מרע מיין גאט היט מיין צונג פון צו ריידן שלעכטע זאכין ושפתי מדבר מרמה אונ מייני לעפצן היט פון צו ריידן שאלקהאפטיגע זאכין ולמקללי אונ צו מייניע פלוכרש נפשי תדום זאל מיין לייב שטיל שווייגין ונפשי כעפר לכל תהיה אונ מיין לייב זאל זיך פר איטליכן נידריג האלטן אזו וויא דאש שטויב פון דער ערד והזהר מהרהור לבך ופתוי היצר לך אונ היט זיך פר דייניע בייזע הרהורים פון דיין הארץ אונ פון דעם איבער ריידין פון דעם יצר הרע וואש ער וויל דיך איבר ריידן במה שיביאך אליו מהגובה מיט דעם וואש ער קאן דיך ברייגגן צו הויכקייט והגאוה והגאון אונ צו גאוה אונ הערשאפט ובקשת השררה והגדולה והממשלה אונ צו בגערן הערשאפט אונ גרוישקייט אונ געוועלטיקייט זאלשטו זיך דר פון אלין אפ היטן וכבר הזהיר אופני הדרך השוה לאדם בעולם אונ שלמה המלך האט שון לאנג מזהיר גיוועזן אונ האט גוויזן דעם מיטל מעסיגין אונ דעם גלייכן וועג צום מענטשין אויף דער וועלט באמרו מיט דעם וואש ער האט גיזאגט אין (משלי) שתים שאלתי מאתך צווייא זאכן בעט איך פון דיר שוא ודבר כזב פאלשקייט אונ רייד פון ליגן הרחק ממני הער ווייטער פון מיר אונ ווייטער זאגט ער פן אשבע וכחשתי טאמער וועל איך מיך אן זעטן אונ וועל אין גאט פר לייקנן ופן אורש וגנבתי אונ טאמער וועל איך ארום זיין וועל איך גנבענין וכו׳ · זאגט דער מחבר הקיצה אחי וואך אויף מיין ברודער ואל תתעלם אונ פאר הויל דיך ניט לרפא מדות הגאוה פון צו היילין דיא ווייא טאג פון דר גאוה וואש דו האשט זאלשטו ניט פאר הוילין צוא היילין עש מנפשך וממדותיך פון דיר אונ פון דייניע מדות ברפואות אשר הוריתיך מיט די רפואות וואש איך האב דיך גילערינגט אין דעם שער ואל ימנעך מזה אונ לאז דיך דער פון ניט פאר מיידן מה שתראה עליו המון בני אדם ווייל דו זעהשט אויף דעם פיל אנדרי לייט מהתעלם לרפא נפשותם מן המדוה פון זייער פאר הוילן צו היילין זייערי לייבר פון דעם ווייטאג כלומר ווייל דוא זעהשט נאך פיל מענטשן טראכטין ניט אוועק צוא לאזין דיא גאוה ותאמר וועשטו וועלן זאגין ימצאני מה שימצאם לאז דאש מיר גרייכין וואש עש וועט זייא גרייכי

כלומר

מה שימצאם כי העור כשיזדמנו לו הכחלים המועילים שיוכל להרפא בהם כשהוא מתעסק בה אין מן הזריזות שיתאחר מזה ויאמר ימצאני מה שימצא חברי העורים ואילו היה אחד מהם שומע אותו אומר המאמר הזה היה לועג למאמרו ומסכל עצתו וכפי זה עיין לנפשך והשתדל לה בכל כחך ואל תתעלם ממה שיועילך בעוה"ז ובעוה"ב פן תמות מבלי השגת מאוייך מן המעלות החמודות אשר ביכולתך להשיגם כמו שאמר החכם (מש כה) תאות עצל תמיתנו ואמר (מש כד) על שדה איש עצל עברתי ועל כרם אדם חסר לב ושאר הענין ׃ והאלהים יורנו ואותך דרך עבודתו ברחמיו ובחסדיו אמן ׃

נשלם השער הששי בה׳ תתהלל נפשי

# שער התשובה

השער השביעי בבאור אופני חיוב התשובה וגבוליה והדברים התלוים בה וזה פתח השער

**אמר** המחבר מפני שקדם מאמרנו בכניעה והיא שורש התשובה והתחלתה ראיתי (ס"א ראוי) לסמוך לה באור גדריה ואופני השלמתה ואומר תחלה בחיוב התשובה

מרפא לנפש

דברים נחמדים ׃ יורנו ׳ מדבר בעדו והותך הלומד הספר הזה יורה אותנו דרך עבודתו ברחמיו אכי"ר ׃ אמר המחבר ׳ מפני כו׳ באור גדריה ׳ ר"ל גבוליה של תשובה שתהיה תשובתו שלימה בלי פרצה כמו שיתבאר

כלומר אזו וויא עש וועט זיין מיט זיי אזו וועט זיין מיט מיר אויך זאלשטו דאש ניט זאגין כי העור כשיזדמן לו הכחלים המועילים ווארום ווען איין בלינדר קריגט זעלבי רפואות וואש קאנן אים העלפן שיכול לרפא בהם וואש ער קאן מיט זיי געהיילט ווערן כשהוא מתעסק בה אז ער זאל דרינן עוסק זיין אין מן הזריזות שיתאחר מזה איז דאש דאך ניט קיין זריזות כלומר קיין חכמה אז ער זאל זיך דער פון שפעטיגן דש היישט ער זאל די רפואה ניט טאן ויאמר אונ זאל זאגן ימצאני מה שימצא חברי העורים לאז מיר גרייכן וואש מיינע חברים די בלינדע וועט גרייכן כלומר אזו וויא זיי זיינן בלינד וועל איך אויך בלינד זיין ואילו היה אחד מהם שומע אותו אומר המאמר הזה אונ ווען איינר פון זיי זאל הערן וויא ער זאגט די דאזיגי רייד היה לועג למאמרו וואלט ער דאך גשפעט פון זייני רייד ומסכל עצתו אונ פון זיין נארישי עצה וכפי זה עיין לנפשך דרום בטראכט גוט פר דיין לייב והשתדל לה בכל כוחך אונ פלייס דיך פון אירט ווענן מיט גאר דיין קראפט ואל תתעלם אונ זאלשט זיך ניט פאר הוילן ממה שיועילך בעוה"ז ובעוה"ב פון צוא טאן דאש וואש קאן דיר העלפין אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט פן תמות ווארום טאמר וועשטו שטארבן מבלי השגת מאוייך מן המעלות החמודות אונ וועשט נאך ניט האבן גיגרייכט דיין גלוסטיקייט פון די גלוסטיגע מעלות אשר ביכולתך להשיגם וואש דו האשט נאך אצונד אין דיין יכולת צוא גרייכן זייא אזוא וויא דער חכם שלמה המלך האט גיזאגט אין (משלי) תאות עצל תמיתנו דאש גלוסטיקייט פון דעם פוילן מאן דאש טוט אים טייטן אונ נאך שטייט דארטן על שדה א ש עצל עברתי איך בין איבר גפארין ביי דעם פעלד פון אפוילן מאן ועל כרם אדם חסר לב אונ ביי דעם ויין גארטן פון איין אום פאר שטאנדיגן מאן ושאר הענין אונ וויא ווייטר שטייט זאגט דר מחבר והאלהים יורנו ואותך אונ גאט זאל וויזן אונז אונ דיך וואש דו לערינשט דעם ספר דרך עבודתו דעם וועג פון זיין דינשט אונ ער זאל דאש טאן ברחמיו ובחסדיו מיט זיין רחמנות אונ מיט זייני חסדים אמן ׃

אמר המחבר׳ האט גיזאגט דר מחבר מפני שקדם מאמרינו בכניעה ווייל מיר האבין פריער גיזאגט פון דעם אונטר טעניקייט והיא שורש התשובה אונ דאש אונטר טעניקייט איז דער שורש פון דר תשובה והתחלתה אונ איר אן הייב ראיתי (לסמוך לה האב איך גזעהן דר ביי צו שטעלין

באור